STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11390

IN LIKHT FUN OVNT

M. Ben Moshe

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מיכאל בן־משה

אין ליכט פון אָוונט

מיכאל בן-משה

אין ליכט פון אָוונט — לידער

בְּאוֹר עַרְבַּיִם — שִׁירִים

Michael Ben-Moshe

„In Licht Fun ovnt"

Poems

Published in Israel 1971

שער־בלאַט געצייכנט פון קינסטלער מאיר קאָרזעניק, יאָהאַנעסבורג

פארלאג „בריקן" יאָהאַנעסבורג — תל־אביב

אין ליבע
לידער
מיכאל בן-משה

נדפס בישראל תשל"א — 1971
דפוס הפועל המזרחי, הרצל 78 תל־אביב

פייסאזשן

דאָס ליד וואָס האָט זיך פאַרשפעטיקט

דאָס ליד פון באשייד איז דאָס ליד פון די נעכטנס.
דאָס זינגט ניט מיין האַרץ, וואָס האָט לאַנג שוין פאַרגעסן
דעם טעם פון האָניק אין לידער,
דעם ריח פון ערד נאָך אַ רעגן, און דינע
געווירצן פון ווערבעס אין ריוון.
דער טעם פון ליד — ווי מעד, ווי צעשוימטער,
ביים שיין פון אַ ליכט צו הבדלה,
ווען ס'האָבן זיך קינדערשע ליפּן געקלאַמערט
צום זילבערנעם, קויפּיקן בעכער —
אַ בעכער, וואָס ס'האָבן דורך דורות געטראָגן
די זיידעס אין הענט אין פארטרערטע —
הענט, מיט דורכזיכטיק־לענגלעכע פינגער,
מיט נעגל צום אויסגלעטן פאַרמעט,
מיט נעגל צום קנעטן וואַקס פאַר אַ זיגל,
מיט נעגל צו שטעלן אַ חלף.
הענט וועלכע האָבן, דורך נעכט ביי אַ ליכטל,

געבלעטערט סלאָוויטער גמרות,
הענט וועלכע פלעגן אין אָרעמע געסלעך
טראָגן דורך אומוועגן לאַנגע, נאָך פינצטער,
מתן־בסתר — אַ נצרך;
הענט וועלכע פלעגן, אין אַ גראָשנדיק קרעמל,
מיט טשוועקעס באהענגען געוויכטער,
ווייל זיי רייבן זיך אָפּ און ס׳איז הארב די עברה
פון האנדלען מיט וואָגשאָלן פאַלשע.
הענט וועלכע פלעגן, מיט פּאָרכטיקן ציטער,
שוועבן אויף קעפּ מיט אַ ברכה,
אין געלבלעכן שיין פון נשמה־ליכט הויכע,
אין טרעריקער שעה פאר כל נדרי.

דער טעם פון ליד און דער נגון פון תהלים
שבת פארנאכט אינעם קלייזל —
ווען ס׳פלעגט זיך די זון אינעם ווינטערשן־הימל
זעצן אהינטער דיביימער
און צווייגן, צעקוואָלן, מיט שנייאיקע ארבל
געברענט האָבן — רויטע שטורקאצן,
און ראָז זיך געלאָשן אין שויבן פאַרפרוירן,
פארקאָוועט מיט אייז איבער ראמען.

נגון פון תהלים אין קלייזל —
דאָס וויינען פון פלייטן, דאָס ברומען פון באַסן,
א בענקשאַפט וואָס נאָגט ביז די וואָרצלען;
אַ נאָגן וואָס צאַפּלט אין האַרץ ווי אַ פויגל
און רייסט זיך אנטרונען צו ווערן.
עס שאָקלען זיך שאָטנס, אין ווינקלען פארשאָטנט,
און ס׳כליפּעט ארויס פון די פּסוקים
די נאקעטע בענקשאַפט פון ווערטער ווי טויבן,
פון ווערטער ווי שוימיקע כוואליעס.
פשוטע יידן — די בערד גרוי־פארקאָלטנט
און שווער ווי געגאָסן פון קופּער;
הענט — ברוין צעאָדערטע צווייגן פון ביימער
צעקנאָדערט פון וואָכיקער פּראַצע.
הענט האָרעפּאשנע מיט דזשעגאכץ און דראטווועס,
הענט מיטן אומרו פון שערן,
הענט וואָס פארהויבן די האמערס אין קוזשניע,
הענט וואָס פארריכטן די נעצן —
ברוינע, ווי אַלטער פארגליווערטער האָניק,
וואַרעם מיט סוד פונעם לעבן.

כוואליען זיך, שאָקלען זיך קעפּ איבער טישן,
ברומען פון ברוסטן צעכראַסטעטע־ריוון,
כליפּעט פון פּסוקים דער נגון —
דער טעם פון האָניק אין לידער...

דער טעם פון ליד און די געסלעך פון שטעטל,
שטעטל פון קינדהייט און חלום —
געסלעך מיט מאָכיקע, האָרביקע דעכער,
הילצערנע, קרומע, פּאַרקאַנעס פון גערטנער,
ביימער מיט שכרות פון עפּל.
שטעטל פון אומעטיק־ליטווישער לאַנדשאַפט,
פעלדער, צעכוואַליעט מיט סנאָפּעס פון קאָרן,
פעלדער נאָך שניט מיט געשרייען פון קראָען
דאָס ווייסע בעריאָזעווע וועלדל.
דער שפּיץ פונעם קלויסטער אין אַשיקן הימל,
די שטיבלעך, וואָס טוליען זיך גרויע און דינע,
ווי שוואַלבן פאַרלוירן אין רעגן.
דער טעם פון ליד און דאָס שטיבל אין געסל,
דאָס שטיבל בירושה פון זיידן:
דער עפּלבוים אלטער — אָ, טורעם פון חלום,
אָ, גרינער קרישטאָלענער פּאַלאַץ פון קינדהייט!

דער גאָרטן מיט האַרבסטיק־פארלאָזענע בייטן,
וואו ס'בלאָנדזשעט אַ ציג אום פארלוירן.
שטיבל פון קינדהייט און יעסיען —
דער טונקעלער פירהויז וואָס לייטערט צום בוידעם,
די עס־שטוב, א לאַנגע, מיט ווייסע גארדינען,
דער בליצלאָמפּ וואָס הענגט פון דער סטעליע און חלומט
פון ליכטיקע פרייטאָג־צונאַכטן.
צוויי שלאָפקאַמערס קליינע מיט ווייכקייט פון נעסטן,
די קיך מיט דער ערדענער, שווארצער פּאָדלאָגע,
און פענסטערל בלויער, וואָס גאפט אויפן חדוש
פון פויערשע הייזלעך אין געסל.

דער טעם פון ליד —
אַ ביימל פון בעז ביי אַ שכן אקעגן,
אַ ביימל בון בעז־פיאָלעטענער יום־טוב —
אין הארץ פון די האָרביקע דעכער,
אַ בוים פון אַ פרילינג מיט שקיעות ווי שרפות,
און אזא הימל, איינאיינציקער הימל,
א בלויער אָן סוף און א טיפער ביז שטערן —
הימל פון פרילינג אין יאָר... שוין פארגעסן,
מיין פרילינג, מיין לעצטער אין שטעטל.

טעג מיטן ריח פון זומפּיקע לאָנקעס,
ראָמאשקעס, וואָס לאכן מיט זון און מיט ראָסע,
זיבן פארחלומטע ווערבעס ביים גראָבן,
אָן איילנדיק ריטשקע, וואָס טראָגט קאָפּ־ארונטער
אָן אייגענעם הימל מיט שאָטנס פון זיבן
פארכשופטע זילבערנע קרוינען — — —
דאָס קוואַקן פון פרעש און דער ריח פון אייאיר
דאָס פויקן פון פּיקהאָלץ — דער האַרצקלאַפּ פון שווייגן,
דאָס שווייגן אין שעה פון נאָכמיטאָג אויף פעלדער,
שעה פון פארטאַיעטן שאָרכן פון גראָזן,
דער טעם פון האָניק און לידער — — —

עס זינגט ניט מיין האַרץ — דאָס איז ביין פון מיין אומעט,
דאָס איז ריס אין מיין פלייש, דאָס איז שווייגן פון ברונעם,
ברונעם אין בלוט פון געדענקען —
נייג איך מיין קאָפּ ווי א בוים צו די וואָרצלען,
שווער מיטן לאסט פונעם וואָרט ניט דערזאָגטן,
שווער מיטן פּיין פונעם רוף ניט דערהערטן,
רוף פון די ווייטע פּייסאזשן פון בענקען,
וואָס צאַפּלען אין טיפן, מיט צאַפּל צעפליקטן,
און זוכן אומזיסט זייער תקון.

נייג איך מיין האַרץ צו די טיפן אין הויער
איבער די קעלערן שוואַרצע פון טרויער,
איבער די פעדים, צעפליקטע זכרונות,
און ווארט ס'זאָל באשערן איר חסד די רגע
פון לייטזעליק הערן, ביי שוועלן פון נעכטנס,
און אויסלייזן דאָס ליד וואָס האָט זיך פאַרשפעטיקט.

אפריקע

אַ לקוי־חמה רוקט זיך אויף דער ערד,
עס פאַלט א שאָטן אויף די שפּיצן בערג,
מיט פלוצימקייט פון ערשטן פויקן־ברום
וואָס רייסט זיך אָפּ — און פאַלט אַראָפּ פארשטומט ;
מיט טריט פארטייעטע, וואָס גנבען זיך דורך נאַכט —
עס כוואַליעט זיך אין בוש [1]) דער ווייסער גראָז, עס קראַכט
אַ צווייג אַ טרוקענער, אין מאַטן גאָלד פון האַרבסט —
און שטיל —

אַ לקוי־חמה רוקט זיך אויף דער ערד,
דער בלאַסער טאַץ פון זון פארבלייכט אין שרעק,
עס לויערט אין די קוסטעס אַ צעגליטער שפּרונג,
עס הילכט אין ווייטן־ווייט אן אָפּגעהאַקטער קלונג.
אַן אַסעגאַי [2]) פליט דורך איר איינזאַמען געפלי,
עס רירט זיך קוים, ס׳דערוואַכט דער שלאָפנדיקער ריז,
עס גייט דער גאַנצער, שוואַרצער קאָנטינענט,
און אפריקע רעדט —

מיט טריט פון עלעפאַנטן אין דער ברייטער בוש —
דריי עלעפאַנטן שפּרייזן אין אַ שורה דורך —
עס ציטערט אויף דאָס האַרץ צום קלאַנג פון ווייטן רוף :
דער מאָרגן—אַ טראָמפּייט—אומענדלעכקייט פון האַרבסט—
ביז אַלע האָריזאָנטן — אין ווייס און רויט און בראָנדז ;
אַן אָדלער פליט פאַרביי — די פליגל שוואַרצער גאָלד,
און ערגעץ ווייט די בערג — אַ שטומער קאַראַהאָד —
און שטיל —

דריי עלעפאַנטן שפּרייזן — ווי אין חלום טריט,
געבונדן צו דער ערד, און דאָך ווי ניט פון איצט,
ווי ניט פון דאַנען טריט — מיראַזש אין ווייסן ליכט.
אַ שטאָלץ אזא ניט־דאָאיקער, א רואיקייט פון פעלדז,
אַ זיכערקייט פון מלכותן אין יעדערן באַוועג,
דריי מלכים פון א ווייטן לאַנד, וואָס האָבן ווי דערהערט
די בשורה פון אַ ניי געבורט און שטערן אויף די בערג,
און אפריקע רעדט —

דריי עלעפאַנטן שפּרייזן אין גלי פון ווייסן טאָג,
דריי עלעפאַנטן שפּרייזן — דעם שפּרייז פון הונדערט יאָר,
הונדערט יאָר געדעכעניש, וואָס שלענגלט זיך ווי רויך,

אין קעפּ דרייקאַנטיק־מעכטיקע, אין שפּאַלט פון שפּיזיק
אויג,
וואָס האָט נאָך יענע טריט געזען, די שפּורן אינעם גראָז,
פון די, וואָס זיינען דאָ פאַרביי, צום וויטן האָריזאָנט
און האָבן ניט צוריקגעקערט, אין זילבערנעם פאַרטאָג.

און האָבן ניט צוריקגעקערט —ביים צאַנקעדיקן פלאַם
פון שייטערס רויכיקע אין קראַאַלן [3], שייטערס — אין
פאַרנאַכט
ברומען זקנים כריפנדיק אוקלאבלס״ [4]) פון אַמאָל:
אימפּיס [5]) ציען דורך ראַווינען, אין צעפּראַלטן טאָל,
שפּיז צו שפּיז, און ברוסט פון קופּער קעגן ברוסט פון
בראָנדז,
בריל פון לייב און שפּרונג פון פּאַנטער אינעם הויכן גראָז,
אַסעגאַיס—צענטויזנט שטראַלן, שטראַלן שוואַרץ פון בלוט,
דעקן צו דעם וויטן הימל, לעשן אויס די זון. — —

ברומען כריפּענדיק די זקנים, פויקן שיכור פּיס
בראַזגען, קלינגען קופּער־רינגען מיט צעגליטן בריל,
בריל פון טאַנצנדיקע יונגן אין צעוויגטן קראַאַל,
קראַאַל צעשאַלטן אין געפּויק פון טאַם־טאַמס אין
פאַרנאַכט.
טאַנצן יונגען אויס דעם הייסן רוף פון בוש און ערד
ליד פון אימפּיס — קראַאַלן ברענען אין די שוואַרצע נעכט,
קאַכיק בלוט אויף אַסעגאַיען, בלוט אויף געלן שטעג.

קראַלן ברענען, פלאַמען שוימען איבער דעכער שטרוי,
שיפּען, וואָיען רויטע שלאַנגען דעם געוואָי פון טויט ;
זקנות קלאָגן אויף די שוועלן, ווימפּערן אָן קול,
קופּעס, עופעלעך ביים פּאַרקאַן — א פאַרבלוטיקט קנויל—
און א הונט קודלאַטער, געלער, דרייט זיך אום צעמישט
שטשירעט מיט די ציין און וואָיעט דעם געוואָי פון שפּיז.
שפּרינגען שאָטנס איבער פלאַמען, שאָטנס פאַלן אום
אַסעגאַי אין שוואַרצע ברוסטן, פויקן אין געברום.

מיידלעך רונדהיפטיקע, שלאַנקע — אויגן ווייך און טיף
אויפגעפּראַלט אין שוידער־אימה, פלאַמען אונטער טריט,
טראָגן זיך דורך מילי [6]־פעלדער מיט פארשטיקט געשריי,
שפּילן, בליאַסקן צונטער פלאַמען אויפן שווארצן לייב,
לויפן זיי — א טשאַטע „קודוס" [7]) — צום באַהאַלט אין הייל
און עס ברויזט אין יונגע ברוסטן אימה און באַגער
צום געבאָט פון זיגערס אָרעמס,ברילנדן באַפעל.

ברענען קראַאַלן — רויטע וואָלקנס שלענגלען זיך דורך בוש,
קראַכן, שיפן צונטער־צונגען איבער בוים און קוסט,
ברומען טויזנט שוואַרצע אָקסן אין פייערדיקן קלעם
דאָס געברום פון טויט און אימה צווישן פלאַמען־ווענט,

גראָבן זיך מיט קרומע הערנער אין דער הייסער ערד
רייסן מיט פארשטשעמטע ציינער די סמאליענדיקע פעל,
דרייען זיך אין בלינדע קרייזן — קאַראַהאָדן טויט —
קערפּערס האַמעטנע, צעיושעט אין צעגליטן גרויל.

ברומען טויזנט שוואַרצע אָקסן — ברומען נאַכט און בלוט,
ברויזן ווי אַ שטראָם פון לאַווע, לאַווע — שוואַרצער גלוט,
רייסן זיך—דער טויט אויף הערנער—שטורעם פון געלויף—
טלאָען שוואַרצע איבער רוקנס, העלדזער אין געפלעכט
מיט פיס און נאַקנס אויסגעקרימטע — שטורעמווינט
פון קעפּ —
רייסט זיך שוואַרצע, הייסע לאַווע באַרג אראָפּ צום טייך
ברענען קראַאַלן אונטער שטערן, נאַכט־צעגליטער שטאָל.

ברומען זקנים כריפּנדיק ביי שייטערס אין פאַרנאַכט,
טאַנצן מיידלעך לייכט ווי ווינטן — זון און ערד און קראַאַל;
גאָלד אויף ברייטע מילי־פעלדער—האַרץ פון ווייסן האַרבסט
ליד פון שניטערס אין באַגינענס—פעלדער אויפגעפראַלט,
ביז די בלויע בערג אין ווייטן, ביזן ווייסן ראַנד
פונעם הימל גרויסן, גרויסן — פעלדער שווער מיט זעט —
ליד פון שניטער אין פאַרנאַכטן אויפן ברייטן שטעג.

ציען לאַנגע שורות אָקסן, שווער מיט גאָלד פון שניט,
סטאַדעס קי אין קילן אָוונט — גערוך פון מיסט און מילך,
ריח וואַרעמער פון אייטערס — הענט ווי אין געבעט —
זינגט די מילך אין ווייסע שטראָמען, זינגט אין ברייטע טעפּ.
אויף אַ רויכיק פייער קאָכט זיך וואַרעמער געקעכטס,
טאַנצן קינדער ארום פייער, טאַנצט די אָוונט־שעה,
שעה פון רו נאָך שווערער פּראַצע, גאָב פון פולן טאָג.

טאַנצן קינדער — קאַראַהאָדן שעפעלעך — געקרויזט,
אויגן וואַרעמע און ווייכע, פולע ווי אַ טרויב,
פּיסלעך קליינטשיקע, פאַרשטויבטע וויגן זיך צום טאַקט
פון דעם פריילעכן, צעשפּילטן לידל, אויסגעטאַנצט.
טאַנצן זיי דעם שרעקעוודיקן וועוריק אין דער בוש,
און די מומע טשערעפּאַכע אין צעגליטער זון.
ווי זי קריכט פאַרקווער דעם זאַמדיק, בריענדיקן סליאַד
און שלאָפט איין ביז בלויע שאָטנס לעשן זיך אין זאַמד.

טאַנצן אין אַ קריין די קינדער, בלעזלט זיך ס'געקעכטס
אין די שווארצע, רויט־געקאַרבטע, שוימענדיקע טעפּ,
טראָגן ריחות זיך פונאַנדער פון אַ טיר צו טיר
מילי־קאַשע, פעטס פון שעפּסן, טונקל ברוינער ביר.

ריחות וואַרעמע פון זאַטקייט, גאָב פון פולן שניט
אָנזאָג פון אַ זאַטער מאָלצייט אינעם אָוונט־גלי
רויך פון שייטערס, ליד פון קינדער ביי א יעדער טיר.

פון די נידעריקע קאַיאַס [8]) שלייכן זיך ארויס
דינע, טונקעלע געשטאַלטן — אזא ווייכקייט לויכט
פון אַ יעדן ריר און פוסטראָט, פון א יעדן נויג.
אויף די רוקנס, ווי די פולע רייפע מאַנגאָ־פרוכט
טוליען קעפּלעך זיך — קלאָראויגיק — צו דעם ווייכן גוף,
צוגעבונדן צו די שלאַנקע שולטערס מיט אַ טוך
קוקן זיי אַראָפּ און שמייכלען, אזא ליכטיק בליק.

וויגן זיי די מוטערס, שעפּטשען: „טולא [9]), טולאַ, שלאָף,
טולא, טולא, פּיקאַניני [10]), ס׳קומט פון באַרג די שאָף,
עס שפּרייזט די סטאַדע ברוינע אָקסן, הערנער שווער מיט גאָלד,
רוקנס האָרביקע צעהוידעט, וויגן זיך און טראָט

קומט פון פעלד, קומט אָן דער טאַטע, ווי דער רעגן קיל,
טראָגט די נאַכט אָן עמערס שווייגן צו אַ יעדער טיר.
טולאַ, טולאַ, פּיקאַניני, טולאַ, טולאַ שטיל.״
וויקלט זיך דער קראַאַל אין שאָטנס הילכט אַ ווייטער בריל.

װיקלט נאַכט דעם קראַאַל אין שװייגן — טיכער שװאַרץ און בלוי
לויכטן מאַטע װענט פון קאַיאַס, גרויען דעכער־שטרוי,
לעשן זיך אין אַש די שייטערס, צינדן שטערן זיך,
גליט די בוש מיט טויזנט אויגן איר פאַרסמטן גלי,
גלי פון נאַכט און שװאַרצער אימה, װייכער שפּרונג אין גראָז,
בריל פון לייב און פאל פון קרבן, בלוט אין הייסן שטראָם
פּרייכט די בוש, איר שװערער אָטעם—טיפעניש פון תהום.

טראָגט זיך איבער בוש, פאַרשטומטער, פון פאַרטייעט קראַאַל
אַ געװאָי אזא צעברומטער, אַ צעפליקט געזאַנג —
קולות אָפּגעהאַקטע שאַרפע — װאָיען פון שאַקאַל —
קולות בענקענדיקע, װייכע — טויבן אויף אַ דאַך,
גיסן זיך צוזאַמען, נאָגן, בעטן זיך פאַרקלעמט,
מאָנען, פאָדערן און רופן פון פאַרשטשעמטער קעל.
טראָגט זיך מאָנאָטאָן און שפּיזיק דאָס פאַרשטיקט געזאַנג
כריפּען זקנות אויס דעם װייטאָג אין דער שטומער נאַכט.

װיקלט זיך די בוש אין נעפּל, צאַנקען שטערן שטום,
קראַכט דער טראָט פון עלעפאַנטן איבער בוים און קוסט,
קרייזט דער גייער אויס אין הימל, ערשטן קרייז פון טויט,
שטומט דער קראַאַל אנטװיינט פון װאַרטן אויפן רוף פון פויק.

ס'וועט ניט וועקן דאָס געזאַנג אים — אימפּיס אין פּאַרטאָג, ס'וועלן אין באַגין ניט גליען שפּיזן — בלויער שטאָל, פּוסטע שלענגלען זיך די שטעגן, לער און גרויס די בוש, — דאָס קאַלטע אַש פון שייטערס פלאַטערט אין דער בלאַסער זון.

1) די אַפריקאַנער סטעפּ.
2) אַפריקער שפּיז.
3) דאָרף.
4) געזאַנגען
5) אַפריקער סקאַדראָנען.
6) מאַיז.
7) הירשן.
8) שטיבלעך.
9) שטיל.
10) קליין קינד.

דער טויט פון שווארצן בופלאָקס

צי איז עס דער גייער געווען —
מיט קאַלטן, מיט נאקעטן שארבן,
דעם שטאָלענעם שנאָבל פארקלאַמערט,
וואָס האָט ביידע פליגלען פארריסן —
צוויי זעגלען פון טויט, אויסגעשפרייטע
און דעם אָנזאָג צעקרייזט קעגן הימל? —

צי זיינען ס׳געווען שאַקאַלן —
אַ טשאטע צעשויבערטע רוקנס,
ציינער פארזשאַווערטע, קרומע,
וואָס האָבן מיט מאוימדיק וואָיען
אין אנגעלאף לאָמען־צעפליקטן
די בשורה דורך פליינען צעטראָגן? —

צי אַ סטייע צעשראָקענע פייגל,
וואָס האָט פון אַ בוים צוגעקוקט זיך? —
צי דער ווינט וואָס האָט דורכגעשלייכט האַרבסטיק,
די ביימער און גראָזן צעכוואליעט,
מיט אָנזאָג: די בוש האָט געמשפט —
גערעכט איז דער משפט געווען?

✶

...איצט איז אַלץ שוין שטיל געוועזן, שטיל
די ערד האָט ניט געציטערט מער מיט רעווענדיקן בריל
פון טויט פון הערנער שטויסנדיקע אויסגעקרימטע אין וויי,
פון טויט פון כאָרכלדיקן בייסן פון פארשטשעמטע ציין,
פון טויט פון בריקענדיקן בייסנדיקן ווירבלטאַנץ פון קלאָען,
פון טויט פון גופים האמעטנע פארקלאמערטע אין קלעם,
אין קאַמף אויף טויט און לעבן — צוויי רעווענדיקע פעלדזן
צוויי שוואַרצע בופלאָקסן אין שטרייט פאר הערשאַפט
איבער הערד.

ארום מיט קעפ געבייגענע די בופלאָקסן אין האַלבקרייז
געשטאַנען זיינען סאָפענדיק — די אויגן טעמפ און שטאר,
די זון האָט א צעפלאקערטע די בוש מיט בלוט פארגאָסן,
די זון מיט הערנער פלאמענדיקע — אַ קרוין אויף שווארצע
קעפ.
דער יונגער איז געבליבן שטיין — דער קאָפ צום בלוי
פאַרריסן,
די הערנער רויט צעגליט, ווי אַ בלוטיקער רובין,
די קלאָען שטאָלענע פאראנקערט ביז די טיפע טיפן
די שווארצע פעל צעגלאנצט מיט הייסן לאווע־גלאנץ.
ער איז געבליבן שטיין, צעשאלט זיין זיג צום הימל,
ער איז געבליבן שטיין — און אונטערטעניק, שטום
האָט די סטאדע אים אין קרייז פון הערנער
איינגעקלאמערט,
און איז אין טאָג אַוועק ווי ס'גייט אַוועק אַ טייך...

*

און דער אַלטער ווי אַ פעלדז אַ שווארצער, אויסגעריסן,
א פלאם אן אויסגעלאָשענער, א רעווענדיקער באַרג,
געבליבן אויף די קני איז ליגן, ליגן קעגן הימל —
די זון אַ שווארצע, האָט געקלעטערט דורך א רויטער נאַכט.
זיין קאָפּ פירקאנטיקער געבראָכן, אינעם גראָז פארגראָבן,
האָט ער געסאָפּעט הייסן ווייַ, דורך נאָזלעכער צעפליקט
און האָט מיט הערנער שפּיזיקע אין דער ערד געראָיעט
און האָט זיין רעווענדיקן ברום צעשאַלט דורך וויטער בוש;
לאנג איז ער געלעגן נאָך — מיט בלוטיק רויטע פליאמעס
באַמאָלט דאָס ווייסע גראָז, די שווארצע גריבער ערד,
דאן האָט ער לאנגזאם אויפגעשטעלט זיך — די בוש איז פול געוואָרן
מיט זיין שווארצער מעכטיקייט, מיט זיין צעבראָכן גרויס.
א פיר מיט נאָזלעכער אין האלבקרייז — און דער באקאנטער ריח,
דער סליאד פון סטאדע ווארעמער האָט אים אַ ריס געטאָן פאָראויס
ער האָט געמאַכט צוויי טריט — דער ריח פון גראָז און וואסער —
דער ריח פון יונגע קי און זיין צעבראָכן קרוין.
ער האָט צוויי טריט געמאַכט און איז שטיין געבליבן,
און איז שטיין געבליבן — אונטן אינעם טאָל
געפיטערט האָט די סטאדע זיך — ריח פון גראָז און וואַסער
ריח פון יונגע קי און זיין פארשטיקטער ברום.

*

דער מאָרגן האָט גערוקט זיך צו דעם שפּיץ פון הימל,
די בוש האָט הייס געאָטעמט מיט גלוט פון פולן טאָג,
ער איז שטיין געבליבן ביי אַ קוסט צעצווייגטן
דער דינער שאָטן האָט געבלויט אויף זיין צעפּרייעט פעל.
דער קאָפּ פּירקאַנטיקער און שווערער צו דער ערד געבויגן
האָט ער איינגעזאַפּט די ריחות פון דער ברייטער בוש:
ריח פון גראָזן אויסגעברענטע און צעפּוילטע ביימער,
ריח פון עלעפאַנטן ביי אַ וואסער־גרוב,
ריח פון היפּאָפּאטאמען פארזונקענע אין זומפּן.
און ריח פון פארטייעטן אין פעלדזן־הייל, דער לייב.
דער ריח האָט געטראָגן זיך א דינער און אַ שארפער
לייב פון אָוונט־בלויען טויט, לייב פון הייסן שפּרונג,
לייב פון אָפּגעהאַקטן ברום, דאָס פאלן פון אַ קערפּער —
לעצטער כאָרכל, קרייז פון גייער, דאָס וואָיען פון שאקאל.
שטום איז ער געשטאנען דאָ, לאנגזאם האָט געקרייזט זיך
דער שווערער, בלויער שאָטן־פלעק אין האלבקרייז, אויף זיין קאָפּ
און טיפער איז דאָס שווייגן אין דער בוש געוואקסן
ווי אַ בוים וואָס וואקסט — זיין שפּיץ די ווייסע זון.

*

און שווערער האָט אויף אים די בוש געניזדערט, שווערער,
און הייסער אים געפענטעט מיט שווייגן און מיט גלוט —
דער הויך דער וואַרעמער פון ערד, דער אָנריר פון די גראָזן,
עס פארציען זיך די אויגן מיט לעכצעניש און רויט.
אַ זיסע לעכצעניש אזא — דער טעם פון אייגן בלוט אויף
האַרטע שווארצע ליפן
וואָס טריפט אַראָפּ מיט טראָפּנס שווערע אויף דעם
ברוינעם גראָז,
א לעכצעניש פארשטומטע נאָך ווייטע, ווייסע זריחות
און טעג פארשרפעטע און לאַנגע, טעג פון ווייסער זון.
געיעגן רעוועגדיקע נאָך יונגע קי אין טאָלן,
דער נאָכגיביקער ציטער פון שווארצן, ווייכן האלדז,
דער טעמפער פיין פון זיג — די זון גייט אויף אַ רויטע —
און לאנגע קאַמפן בלוטיקע דורך הייסע, טיפע טעג.
ריח פון יונגע קי און הייסער בלוט אויף הערנער,
ריח פון גראָז און וואסער און שווארצע שטומע נעכט.
די זיסע לעכצעניש נאָך דער ערד פארגייט אין יעדען אָדער,
דער הייסער ברום פון זון אין שווערן מידן קאָפּ.
שטייט ער און ער וואַרט, די אויגן טעמפע, ווייכע
שטייט ער דאָ און ווארט, די שאָטנס ווערן לאנג.
אַ לעכצעניש אַזאַ, נאָכגיביקע ביז ווייטאָג,
דער זיסלעך טעם פון אייגן בלוט, דער הייסער ריח פון
בוש.

*

אַ פויגל איז אין מיטן הימל געהאנגען ווי פארחלשט,
עס האָט קיין בלעטל ניט גערירט זיך — און גרויס און פול דער טאָג,
די גראָז א ברוינער ים ביז ווייטע האָריזאָנטן
און ס'האָט פון יעדן קוסט און בוים, פון טייכן און פון פעלדזן
ארויסגעשריען ווי אַ פויק, אַ פויק — די זון אין פלאמען —
צוויי קורצע קלעפּ, אָן עכאָ־קלעפּ — די אימה און דער טויט.
ער איז געשטאַנען דאָ, — אין דער בוש, דער פוסטער,
ער איז געשטאַנען דאָ — אָן אָפּגעמעקטער פלעק,
אַ פלעק אין שאָטן־שפּיל צעשפּילטן פון קוסטעט און פון ביימער,
אונטן אינעם טאָל, האָט געפּאשעט זיך די הערד.
זיין קאָפּ איז שווערער, שווערער צו דער ערד געזונקען
די עלנט און די נאַכט מיט שוואַרצע פליגל צוויי
האָבן איבער אים געפאָכעט נענטער, נענטער, —
צווישן ערד און הימל, צווישן טאָג און טויט.
די זון האָט גרויס און ווייס, גרויס און ווייס געפיבערט,
דער מערב האָט געמאַניעט מיט רויטער שקיעה־בלוט —
אַן אָפּגעהאַקטער ברום, אַ שפּרונג און לעצטער כאָרכל
דער פאל פון גרויען גייער, דאָס וואָיען פון שאקאל.

עס פאלט אראָפּ די זון — אַ שוואַרצער רייף אין ווייטן —
און נאַכט וועט נאַכט, וועט נאַכט אויף הערנער און אויף
בוים,

דער שארפער ריח פון לייב, דאָס וואָיען פון שאַקאַלן
דער גייער קרייזט דורךביימער, דער גייער פאלט דורך בוש.

התגלות

דעם ליכטיקן אָנדיינק פון מיין מוטער,
בלומע בת ר׳ משה ז״ל — געווידמעט

עס האָבן די שטיוול פון בעל־שם־טוב הקדוש
אין שעה פון באַשייד מיר אויף וואָר זיך באַוויזן,
די שטיוול פון בעש״ט — זייער צורה און אויסזען —
געלייטערט דורך זוכענדען טראָט פון אַ מענטשן;
געזוימטע מיט בלאָטע פון האַרבסטיקע שטעגן
דורך גרויע מאָלדאַווישע כוטערס און שטעטלעך,
מיט ריח פון צעלאָזענעם שניי ערב־פרילינג
און ערשטע ראָמאַשקעס אויף בלויזן פון פעלדער,
מיט דינעם געווירץ פון די גראָזן אויף לאָנקעס
און סמאָלע פון גאָלדענע סאָסנעס אין הימל.
שטיוול מיט צורה פון פיס אויסגעטראָטן
אין האַרטן, אין שאָרסטיקן, פויערשן לעדער
און מהות פון די טריט אויסגעגאַנגען אין גאַנגען —
גאַנג צו השי״ת און זיין בריאה אין פשטות.

זיי זײנען אין ווינקל פון לײמענער כאַטע,
אין אַלקער ביי וואַרעמער הרובע געשטאַנען
און האָבן אין טיפן מחשבות׳ט
פון שווערע צעקנאָדערטע זוילן, צעאָדערט.
דער ענין פון גיין און דער ענין פון שלמות,
פון טראָט איבער וועלט און דורך הערצער אין זוכן.
דער ענין פון גיין — ס׳איז דער הימל אַ גרויער —
און נידעריק ליגן די וואָלקנס פאַרקאָוועט,
ברייט איז די ערד און די באַרגשפּיצן קניען
צום באָרוועסן טראָט פון אַ פאַסטעך מיט פייפל;
לידלט אַ פייפל און טשערעדעס שוועבן —
אַ מילכוועג פאַרבלאָנדזשעט אויף רוקנס פון פעלדזן,
דאָס מעקען פון שאָף און דאָס טאַנצן פון לעמער —
צרופים אין סוד פון יצירה, אַנטבלויזטער.

דער ענין פון גיין — און אַ בוים אויף דער וויסט.
פאַרוואָרצלט אין שויס פון די ערדענע טיפן,
אַ בוים אויף דער וויסט וואָס פלאַטערט מיט וואָלקנס
אַקעגן דעם הימל — אַ נאָענטער און ווייטער —
און גייט מיטן גאַנג פון זיין שאָטן צו מערב,
אין קרייז פון די טעג צו זיין שקיעה אין צונטער,

גייט און פאַרגייט אין אַ רעגן פון בלעטער,
וואָס פאַלן דורך גרוי און דורך גאָלד פון די האַרבסטן
און בלייבט שטיין א שטומער, מיט נאַקעטע צווייגן
פאַרריסן צום הימל — הכנעה צום ווילן.
הכנעה און גרויסער און תהומישער וויסן — אַ מענטש און אַ בוים,
זייער גאַנג צו די שטערן — אליינינק און גרויס
ווי דאָס אייביק פון ימען, אליינינק און גרויס
ווי דאָס שווייגן פון פעלדזן, דאָס שווייגן פון פעלדזן ביז אָפּגרונט.

און גראָז אויפן פעלד — עס טוט גראָז זאָגן שירה
פון דין־דינער גרין פון צעכוואַליעטע לאָנקעס,
פון ווייכקייט פון ראָסע אין ווייסע באַגינענס,
פון ציטער פון ווינטל אין סטרונעס פון זילבער,
פון שטומען געוויין אינעם הונגער פון וואָרצלען;
טוט גראָז זאָגן שירה — מענטש ווי גראָז אויף די פעלדער,
מענטש ווי גראָז אין זיין דבקות, זיין טיפקייט פון וויסן,
זיין שפרייטן אויף ערד זיך פון הימל צו הימל.
גראָז אין געזאַנג פונעם ציטער אין בליען,
פון שפּראָצן און וועלקן און ווערן פאַרשניטן,

און ווערן צעשטורעמט פון שטורעמס און וויוגעס,
און ווערן פאַרשאָטן פון שנייען און פושניעס
און בלייבן אלצאייניק און אייביק אין צייטן —
אין זיין זיין אין טיף, זיין אין האַרצן פון וויסן.

און אַ ווערריק אין וואַלד — פיצל לעבן אין צאַפּל,
ווערריק אין בלוי־גרינע צווייגן פון סאָסנעס,
וואָס טראָגט אַזוי לייכט זיך אויף שפּיצן פון ביימער
און היט אין זיין טיפן, זיין וואַרעם באַהעלטער
אַ גאָלד־ברוינעם ניסל — אַ קערן פון לעבן, אַ קערן פון
מאָרגן און וויסן;
און אַ פוקס אין זיין נאָרע, אין טונקל פון קוסטעס,
וואָס ליגט אַ פאַרטייעטער — אַ קנויל ברוינער וואַרטן —
און לויערט אויף שעה, שעה פון נאַכט, שעה פון ציינער
און ריח פון וואַרעמען בלוט אין דער פינצטער —
גאָרגלען צעפליקטע, געוואַי אָן אַן עכאָ, געוואַי אין דער
נאַכט אָן אַן ענטפער;
און אַ וואָלף אין דעם מאוימדיק איינזאַם פון פושניעס,
געוואַי פון אַ וואָלף אין דער קאַלטער לבנה,
געוואַי פון אַ וואָלף, רויטע פלעקן אין שנייען,
געוואַי פון אַ וואָלף און דער כאָרכל פארשטיקטער — אויך
ער טוט דעם ווילן, דעם וויסן.

און אַ פויגל אויף פריי — דינער פלאַטער פון פליגל,
דינער פלי הויך־אַרויף אין אָן סוף אַלע הימלען,
פלי און טריל — אַזא זילבערנער רעגן פון קלאַנגען,
אַזא לייכטקייט און פריי, אַזא גרויס פון דערבאַרמען
אויף ברעקעלע, פּינטעלע חיות אין בלויען,
וואָס אָטעמט מיט ערד און מיט וואַסער און ווינטן
און טראָגט אונטער פליגל דאָס וואַרעם פון לעבן —
אַ מאָנעלע האַרץ קעגן שטורעמס און כמאַרעס
אַ מאָנעלע האַרץ מיט דער שטאַרקייט פון פעלדזן
און אייביק ווי אויפברויז פון כוואַליעס צום הימל;
אַ פויגל אויף פריי און דאָס לעכצן און שטרעבן,
דאָס נאָגן און דאַרשטן נאָך אלע אומענדן,
נאָך טיפן און הייכן, נאָך זון אויף די פליגל
און משא פון וואָלקנס ביז אָוונט. —

אַ פויגל אויף פריי און דער ציטער, דער צאַפּל
פאַרשלאָסן אין גראַטעס פון פלייש און פון בלוטן,
וואָס ציט זיך אין הייכן פון יענער זייט וויסן

און כליפּעט מיט נאָגענדיק ווייַ אויס די בענקשאַפט
צום מקור, צום שורש פון אַלע פאַרלאַנגען,
דורך בלאָנדזשען און זוכן, דורך פינצטער און אָפּגרונט,
דורך וואָיענדיק מדבר און זאַמדשטורעמס רויטע
אַ שטעג, שטעג צו זיך, שטעג צום זיין אין פאַרגאַנגען.
אַ פויגל, אויף פריי און דער שפליטער הוויה,
דער שפליטער, דער ציטער — נשמה פון מענטשן,
זיין זוכן — אומזיסט — זיין צעריסענער גאַרן,
זיין גאַנג — גאַנג דורך קויט און דורך שווייס און פארלוירן,
זיין גלויבן וואָס שטאַרקער איז, שטאַרקער פון הימלען,
זיין יאוש וואָס טיפער פון תהומען. —

מענטש און אַ בוים און אַ גרעזל, אַ פויגל —
מענטש, בלויער טוי און דער אָטעם פון אָוונט,
מענטש און די נאַכט און דאָס שווייגן פון פעלדזן,
מענטש ווי אַ וואָלקן צערינט אין באַגינען —
ווי דער ווינט וואָס פאַרגייט און א כוואַליע צעשמעטערט,
מענטש אין גאַנג, מענטש מיט טראָט פון צעקנאָדערטע זוילן,
טראָט צעגליט איבער ערד און אומענדן פון וועגן,
טראָט מיט אַלע צען פינגער פון פיס, אויסגעשפּרייטע,
מיט אָנהאַלט אָן ערד אין עקשנות פון וויסן.

הויב פון פוס, פאַל פון טראָט, ווי דאָס קלאַפּן פון פליגלען,
טראָט אויף ערד, טראָט אין זון וואָס איז גייסט אין
דערקענונג,
וואָס איז אייביק אין גאַנג, אין זיין נאַקעטן ווילן,
גאַנג אָן רו, גאַנג ביז סוף צו דעם צאַנקען פון שטערן.

גייט אַ מענטש, פאַלט אַ טראָט — גאַנג אין רוף צו
דערלייזונג,
רוף צו תיקון פון פגימות, צו גאולה פון חומר,
גאולה פון חומר פארזונקען אין עצבות, אין טומאה פון
פינצטער און ייאוש.
גייט אַ מענטש און זיין גאַנג איז אַתחלתא דגאולה;
גאַנג פון שטיוולשן טראָט אין צעצונדענעם גלויבן,
גאַנג פון שטיוולשן טראָט איבער זאַמדיקע וועגן — — —
ליגט צופוסנס אַ טאָל — דאַרע בעזעמנע קוסטעס —
פאָרט אַ פויערשע פור, שטייט אַ ווייסע בעריאָזע,
מעקעט אַ קעלבל פאַרבענקט אויף דער לאָנקע
און אַ שטרויענער דאַך פון אַ יידישער קרעטשמע
שטייט געבויגן און תחנונט צום בלייענעם הימל.
שטייט אַ ייד אויף דער פריזשבע אין טלית און תפילין,
אַ ייד אַ פּאָר אויגן — געקוילעטע טויבן,
אַ ייד — מיט דער אימה און ליבשאַפט פון דורות.

שטייט אַ ייד — אלע פלאַמיקע קידוש השמ'ן,
אלע רויטע עקידות מיט טריפנדע מעסערס.

קניען פארשטומט אויף זיין שוועל און זיי וואַרטן,
כליפענען שטיל ווי דער ווינט אין די ווערבעס;
שטייט אַ ייד דאָ אָן תורה, אָן תפילה, אָן מעשים,
אָן מצוות, אָן קדושה — אַ ייד צווישן גויים,
ירחמיאל בן דוואָשע, צי „כמעלקע ארענדאַזש".

אין פארוואָרפענעם דאָרף אָן זכיות, אָן זכותן,
שטייט אַ ייד און זיין תפילה איז שטומקייט אין גאָרגל,
אַ ייד וועלכער וואַרט שוין ניט מער אויף נחמה.
קומען די שטיוולשע טריט איבער וועגן,
שטיוולשע טריט מיט דער נאָענטקייט פון שוואַלבן,
שטיוולשע טריט און דאָס שאָפענע פעלצל
פאַרגאַרטלט מיט פויערשן שטריק אויף די לענדן.

אזא ציטער פון פידלען אין שלום עליכם, אזא וואַרעם פון הענט,
אזא ווייכקייט פון אויגן, אזא ליכטיקייט העלע אויף אָפענעם שטערן,
אַזאַ היימישקייט — ריחות פון וואַלד און פון וועגן
אַזאַ הארציקע נאָענטקייט אין וואָרט אין אַ יעדן.
ווערטער ווי ברויט, ברויט אין פשטות פון הונגער,
ווערטער ווי באַלזאַם אויף אָפענע וווּנדן,
ווערטער מיט ציטער פון שטערן באַגיינען און קלאָרקייט
פון קינדערשע אויגן.

און ס׳גליט זיי אַקעגן דאָס האַרץ פונעם יידן,
דאָס האַרץ פונעם יידן מיט ווייטיק און ווייען,
דאָס האַרץ פונעם יידן מיט אַלע ענויים,
צעבראָכנקייט שטומע, פאַרקלעמטקייט און גליוועד,
דאָס האַרץ פונעם יידן מיט אַלע נסיונות, מיט אַלע
צעווייטיקטע בלינדע געשרייען,
מיט אַלע פאַרשווּעכטע, צעפליקטע ניצוצות פון קדושה
וואָס גאַרן צום שורש.

...און פלוצלונג גייט אויף אזא ליכט אינעם שטיבל,
אַ ליכט אַזאַ קלאָרס, אַזאַ העלס צו דעם הימל —
עס הייבט זיך דער שוואַרצער פאַררייכערטער באַלקן,
עס גרינט דאָס פאַרטריקנטע בינטל הושענות
און ס׳פענצטערל קליינע צעוואַקסט זיך — אַ טויער
אַקעגן די פעלדער און וואָלקנס אוןביימער,
וואָס שפּאַרן אזש אָן ביזן טיש אינעם אַלקער
ווו ס׳זיצן די צוויי ווי געפאַנגען פון וווּנדער,
ווו ס׳זיצן די צוויי מיט דאָס ליכט פון דערקענונג,
די צוויי מיטן נס פון אנטפּלעקונג.
מען גיסט אָפּ די נעגל, מען בענטשט מיט אַ ניגון „את
הבית הזה״,
און מען זעט מיט די אויגן ווי ס׳נידערן גנאָדן אַראָפּ אויפן
שטיבל,
גנאָדן אָן סוף, און ס׳פליסט איבער די שפע
אויף פעלדער און לאָנקעס און וועלדער און טאָלן אין
כוואַליעס פון געטלעכן חסד.

— — — ס'גיט אַ כאַפּ זיך דער ייִד ווי פֿון שלאָף, ווי פֿון
חלום,
פֿאַרשווּנדן איז יענער מיט ציטער פֿון פֿידלען,
מיט נאָגענדיק בענקשאַפֿט אין ווערטער, אין שטימע,
מיט טרייסט אין די הענט, אין די אויגן, אין פּוסטראָט.
פֿארשווּנדן — נאָר ברייט, אַזוי ברייט איז דער הימל,
אַזוי גרויס איז די וועלט, אַזאַ ליכט אינעם שטיבל,
אַזאַ ליכטיקייט העלע, אַ נאָענטקייט און ליבשאַפֿט
צו יעדערן גרעזל וואָס שפּילט אינעם ווינטל, צו יעדערן
קוסט,
צו די בלייענע וואָלקנס, די פּוסטקייט וואָס ציט זיך פֿון
הימל צו הימל,
וו ס'גייט אויף דער נס מיטן ברויט אויף די פֿעלדער,
מיט רעגן און טוי און דעם רצון פֿון בורא, וואָס שפּאַרט
ווי אַ קוואַל
פֿון די טיפֿן פֿון האַרצן און פֿליסט ווי אַ טייך אין אומענדן.
ער פֿאַלט־צו צו די פֿענצטער — אויף זאַמדיקע וועגן נאָך
בלאָנקעט אַ שאָטן, אַ שאָטן אין ווייטן,
און שטיוולשע טריט, טריט מיט נאָענטקייט פֿון שוואַלבן,
ציען דורך טאָג צו די שטערן.

פון אַש

פון אַש

עס זיינען יאָרן, יאָרן שוין אוועק.
האָט שניי פון הימלען זיך געזיפּט
און איז געפאַלן — ווייס,
האָט האַרבסט מיט רויט און גאָלד באמאָלט
דעם גרויען זוים פון ערד,
פרילינגס האָבן דורכגעשוועבט
מיט דינעם ריח־בעז.
און זומערס האָבן זיך געשלעפּט
מיט פולע עמערס — זעט.
ס'איז אַלט געוועזן די ערד —
עס זיינען יאָרן, יאָרן שוין אוועק.

און ווידער איז געקומען האַרבסט —
אַן אָוונט קופּערנער אין פּאַרק —
געווען איז דאַן אַ שעה אַזאַ,
שעה פון אָפן האַרץ.
געזעסן איינער איז מיט מיר
וואָס איז געווען פון דאָרט,
און כ'האָב געוואַגט אים (כ'ווייס ניט ווי)
אריינקוקן אין אויג,

און כ'האָב געוואַגט דערגיין פון אים,
און כ'האָב געוואַגט פאַרשטיין.

ער האָט געשוויגן שווער און לאַנג.
ער האָט געשוויגן האַרט און באַנג,
ער האָט געשוויגן ווי סע שווייגט
די נאַכט אויף אַ פאַרפראָרן טייך.
נאָר ס'האָט פון מיר גערעדט,
ווערטער האָבן מיך געבריט,
ווערטער — צוואַנגען אָנגעגליט
ווערטער — שלאַנגען אויף די טריט:
„איך ווייס ס'איז שווער מיין חטא,
כ'בין דאָרטן ניט געווען!
איך טראָג דעם בידנעם וויסן נאָר,
און דו דאָס בלוטיק זען,
עס גרוילט מיין האַרץ בלויז פון די ציפערן
פאַרשניטן פון באַנעם;
איך בין דאָרטן ניט געווען!
איך בין ניט ווערט געווען מיט דיר
צו פאַלן אויף אַ יעדן טראָט,

צו שטאַרבן לאנגזאַם, טאָג נאָך טאָג,
אויסצוגיין מיט יעדן טויט —

„שטיי איך בעטלענדיק פאר דיר:
שענק מיר איצט אומזיסט
כאָטש איינאיינציק אויגנבליק
פון דיין געהייליקט פיין,
איין מינוט — דורכגעלעבט
אין איר גאַנצן גרויל:
די נאַכט וואָס האָט קיין נאָמען ניט,
די אימה אָן אַ קול...״

איך האָב געוואַרט —
עס האָט זיין בליק פאַרשלאָסן און פאַרברענט,
אין פנים ניט געשריען מיר:
צ ו - ש פ ע ט!
עס האָט זיין פויסט זיך ניט געביילט:
ל אָ ז - א ו י ס!
ער האָט בלויז שטיל און שרעקלעך מיד
געזאָגט אַזוי, פאַר זיך:
„דו וועסט עס ניט פאַרשטיין!״

און זיין בליק אָפּגעשיידט פון טרייסט
איז געבליבן הענגען ערגעץ ווייט,
ווו הימל האָט פון ערד זיך אָפּגעשיידט
און שקיעה האָט געלאָשן זיך אין בלוט
און קאַלטן אַש —
און עמעצער אַ צווייטער, אַ פרעמדער
האָט גערעדט,
ניט מיט זיין קול גערעדט:

„גאָט האָט אונדז פאַרגעסן
נאָר מיר האָבן געגלייבט;
אַ יעדע רגע גרויל־געוועב
פון אלע, אלע טויטן —
נאָר מיר האָבן געלעבט,
ביז סאַמע סוף געלעבט.
מיר האָבן טויט געגעסן
ווי ברויט מען עסט דורך טעג,
מיר האָבן טויט געאָטעמט
מיט יעדן אָטעמצוג,
מיר האָבן טויט געטרונקען
ווי וואַסער פון אַ קרוג;

נאָר מיר האָבן געלעבט
ביז סאַמע סוף געלעבט!
און מיר זיינען געשטאָרבן,
צוזאַמען זיינען מיר געשטאָרבן,
אלע, אלע זיינען מיר געשטאָרבן;
און יעדער טויט אזויפיל טויטן,
און יעדער טויט אזויפיל טויטן — — —

„און דער הימל איז געווען ווי תמיד — בלוי,
עס האָט גערעננט צייטנווייז
און ווינטער איז אַ שניי געפאַלן,
עס האָבן וואָלקנדלעך ארומגעבלאָנדזשעט
אויף דער פריי.
און מיר האָבן געוווסט אפילו
אז ערגעץ לאַכן קינדער;
אַז ערגעץ טוליעט = צו אַ מאַמע
אַ וואַרעם קעפל צו איר ברוסט:
און מענטשן גייען אום אויף גאַסן,
און מענטשן שלאָפן אין אַ בעט,
און ס'איז די וועלט אזוי ווי נעכטן,
עס איז די וועלט — אי גוט אי שלעכט.

נאָר מיר אליין פון אלע־אלע
ווארגן זיך אין בלוט און קויט,
שטיקן זיך מיט ס'פיצל לעבן,
כאָרכלען אויס דעם מאַרש פון טויט.
מיר אליין!
ווי איינזאַם, איינזאַם
שטאַרבן טויזט גוף צו גוף,
שטאַרבן טויזנט — — —

„זעסט — איך לעב — פון גרוב אַנטרונען,
כ'אָטעם, כ'טרינק דאָס ליכט פון טאָג,
פריי זיך מיט אַ נייעם פרילינג,
זיץ ביי טישן, רייד מיט פריינד.
איך עס מיין ברויט צו זעט און פרידן
איך וויין, איך לאַך, איך שרייב אַ בריוו,
איך הער מוזיק און לייען ביכער,
איך גלעט דאָס קעפל פון מיין קינד.
איך האָב ליב, האָב ליב דאָס לעבן
אזוי ווי דו און אפשר מער — —
דערפאַר איז גרויס אזוי מיין הונגער
דערפאַר איז הונדערטפאַך מיין דאָרשט

נאָך א וואָרט וואָס זאָל דערלייזן
אי דיך אי מיך פון שוואַרצער גרויל.
אָבער אַלע, אַלע ווערטער זיינען שטום
מיט שטומען טויט,
און דעם איינזאַם פון די מתים;
און דעם גרויל פון גופים־בערג —
פעלדער ראָיענדיק מיט קערפּערס,
שוואַרצע קוימענס קעגן בלוי —,
זיינען שטום — טאָ לערן שווייגן,
שווייגן גרויס ווי נאַכט און ים,
שווייגן טיף ווי שלאָף פון טויטע
שווייגן שוואַרץ ווי קבר־וואַנט,
און שווייג!"

ער האָט זיך אויפגעהייבן און איז אוועק.

גערענק־טאָג

היינט וועלן זיי ווידער זיך זאַמלען בצבור —
אַן עדה אבלים, פאַררופן פון קהל,
און וועלן געדענקען, אינאיינעם געדענקען,
דעם טאָג און דעם יאָר און די צאָל.

זעקס ליכט וועלן ברענען אויף שוואַרצער עסטראַדע,
זעקס לקוי־לבנות אין בלוט פון געוויין —
און וועלן ווי פרעמדע, פאַרבלאָנדזשעטע וואָגלער
זיין עדות — אַ פאָלק ווי ס׳באַוויינט זיין פאַרגיין.

זיין עדות צו טעמפע, געמאָסטענע ווערטער,
געשליפענע זאַצן — אי טרויער, אי טרייסט,
וואָס עס האָבן די רעדנער פארגרייט פון פאר יאָרן —
„צו ערן דעם טאָג אין אַ פאַסיקן גייסט״.

זיין עדות ווי ס׳כליפּעט אַ חזן „אל מלא״,
און עס שווידערט דער חלל אין שטומען געשריי
פון ווייטע, פאַרגעסענע גריבער און קברים,
פארוואקסן מיט גראָז און פאַרשאָטן מיט שניי.

זיין עדות צום פאָלק, זיין צעשפּליטערטן טרויער —
די בלאַנקע ליסינעס און קארקן פארפעטסט,
ווי יעדער באַוויינט דאָרט באזונדער, באַזונדער
אַ טאַטן, אַ ברודער אין קהל׳שן קרעכץ.

ווי עמעץ דערמאָנט זיך אָן נאָענטע און קרובים,
אַ שטעטל, אַ גאַס שוואַרץ מיט חורבן און מאָרד,
נאָר קיינער דערהערט ניט דעם גרויליקן אויפשריי,
די אימה, דעם שוידער פון טויט פון אַ פאָלק.

צו קיינעם דערגייט ניט דער אָפּגרונט פון וויסן,
דער ריס אין דער פינצטער, דער שוואַרצער באַשייד:
ניטאָ איז דאָס פאָלק! — און עס טיילן זיך יורשים
אין פנים פון זון מיט זיין ברויט און זיין קלייד...

ניטאָ איז דאָס פאָלק! — און די בלאַנקע ליסינעס,
וואָס פייכטן מיט לעבלעכע טרערן דאָס אויג,
זיי זיינען די לעצטע, די לעצטע באַוויינער —
פאַרשניטן פון מאָרגן, דער נעכטן אין שטויב.

און אפשר וועט אין הונדערטער קעפּיקן עולם
זיין איינער — מיט אויגן וואָס זען וועט אויף וואָר,
ווי עס שפרייזן אַראָפּ אַלע ליכט פון עסטראַדע
און גייען אַוועק מיט פאַרלאָשענעם טראָט.

און עס שפרייזט נאָך זיי שטום די מיליאָניקע מאסע
פון שאָטנס וואָס זיינען די עדות געוועז,
און גייען אַוועק, ביז צו אַש אַ דערדריקטע
גייט נאָך זיי פאַרשטומט די געלעסטערטע טרער.

הבדלה

און אלולדיק׳־נאַכט, אין דער דריטער אשמורה,
דערהערט האָב איך טריט דורכן וואָיען פון שטורעם,
און קלעפּ פון אַ האַמער אין פענצטער און טירן,
צעפּליקט אין געוואָי: „שטייט אויף, יידן!״

שפּרייזט איבער גאַסן — אַ שאָטן ניט־שאָטן
און ס׳פאַלן די שווערע, באַשטיוולטע טראָטן —
טריט ניט פון דאַנען, נאָר אָפּקלאַנג, נאָר ציטער
פארלענדט פון דער ערד, פון געדעכן פארשניטן...

און איידער איך האָב נאָך באַגריפן צי חלום,
צי זע איך אויף וואָר זיין פאַרפייניקטן פנים,
קומט מיר אקעגן — ווי און פון וואַנען? —
דורך נאַכטיקע גאַסן, ר׳ חיים דער שמש.

געוווסט האָב איך לאַנג אז ר׳ חיים דער שמש
אַוועק איז מיט אַלע, מיט אַלע, מיט אַלע,
אין יענעם באַגינען, אין יאָר תיו, שין, אלף,
צו שוואַרצער עקדה, צום פלאַמיקן חלף;

אוועק צו דער אָפענער גרוב וואָס ט׳געיאָמערט
אַקעגן פאַרקאָוועטן הימל איר יאָמער.
און שטעטלשע געסלעך, פארגליווערט פון אימה,
האָבן ווי בלינדע די הייליקע עדה

באַגלייט צו דער גרוב ביים אריינפאָר אין שטעטל,
אַראָפּ זיימלער וועג — קעגן אָפענע פעלדער —
ווו לינקעווער יידן, געהייליקט אין פלאַמען,
האָבן צום משפט דעם בית דין של מעלה

געפאָדערט — אקעגן די זון און די הימלען
און אלטן בית מדרש מיט תורה ותפילה,
וואָס האָט פונעם בערגל געיאָמערט מיט קולות,
און חיים דעם שמש געשטעלט פאַר אַן עדות.

געוועזן איז חיים דער שמש כל ימיו
אַ מין עבד כנעני — פארקויפטער צו קהל —
אַ ייד האָרעפּאַשניק מיט הענט סוקעוואַטע
און אויגן, צוויי קינדערשע, בלויע פּיאַלקעס,

וואָס האָט וואַסער און האָלץ אין בית המדרש געטראָגן,
אין שליחות פון בית־דין אָן אָטעם געלאָפן,
געהייצט אין די ווינטערס די קאַכליענע אויוונס,
פּאָדלאָגעס געוואַשן, די לאָמפּן געשייערט.

די גרויע פארקאַלטנטע באָרד, א פארשאַרטע,
האָט תמיד געשפּיצט אויף ארויף, ווי געוואַרט וואָלט
אויף עפּעס אַ שליחות פון בית דין צי קהל:
אַ שאלה, דין־תורה, אַ שמחה צי אבל.

נאָך שבת, בין מנחה למעריב, אין קלייזל,
פלעגט ער זיך צעוויגן — אַ בוים גרינע צווייגן —
בראש פונעם קהל — דאָס ברומען פון לייבן —
פּסוק נאָך פּסוק אין תהילימשע ווייען.

און נאָך א חזקה געהאַט האָט ר׳ חיים,
מוצאי שבתים, נאָך וואָכיקן מעריב,
אויף לוי־וואַרעם, רויטלעכער גלאָז לעמאָנאַדע
הבדלה צו מאַכן פאר הייליקער עדה.

איז ער איצט אין נאַכט מיר געקומען אקעגן
באַשטיוולט און גרוי, אזוי ווי ביים לעבן,
באַשטיוולט און גרוי, — אין דער בורקע וואַטאָוועך —
און איינס איז געוואָרן דער היינט מיטן עבר.

געוואָלט כ׳האָב אזויפיל, אַזויפיל אים פרעגן,
נאָר ער האָט א מאַך מיט דער האַנט נאָר געגעבן:
„שוין קיינער ניטאָ...״ — און אַ בעכער מיט טרערן
האָט אין זיין שטימע געציטערט ביז ברעגן,

„שוין קיינער ניטאָ מער, קיין נפש קיין זכר,
בין איך איצט געקומען אליין פונעם קבר
אין קיינעמס־ניט שליחות, אין קיינעמס־ניט נאָמען
און ברענג דיר די נאַכט מיין צעפליקטע צוואה:

„די שעה איז געקומען הבדלה צו מאַכן,
בין קודש לחול — הבדלה צו מאַכן,
בין אור לחושך — הבדלה צו מאַכן,
בין ישראל לעמים — הבדלה צו מאַכן...

„יידישע קהלות — הבדלות אין פלאַמען —
אַ בעכער מיט בלוט צווישן אונדז און זיי אלע,
אַ בעכער מיט בלוט — די וואַנט און דער וועכטער,
צווישן די שאָף און די וועלט פון די שעכטער.

„פאַרנעם מיינע רייד זשע אין שעה פון הבדלה,
הער צו זיך צו חיים דעם שמש׳ס צוואה,
און קורץ איז מיין וואָרט, נאָר צוויי פסוקים, צוויי מצוות
וואָס ווערן פאַרזאָגט איצט פאַר דיר און פאַר דורות.

„קורץ איז מיין וואָרט, וואָרט פון פשוטן יידן:
אַ באָרד זאָלסטו טראָגן און ריידן זאָלסט יידיש!
און זאָל זייער זכות דיר בייששטיין און פאַרהיטן״...,
און ס׳האָט זיינע ווערטער דער שטורעם צעריסן.

אין אלולדיק־נאַכט, אין דער דריטער אשמורה,
דערהערט האָב איך טריט דורכן וואָיען פון שטורעם
און קלעפּ פון אַ האַמער אין פענצטער און טירן
צעפליקט אין געוואַי: „שטייט אויף, יידן! !"

וואָרט — —

כ׳וועלריידן אַצינד אינדערשטיל,
כ׳וועל ריידן אַזוי ווי צו זיך,
געמאָסטן, געציילט יעדן זילב —
אַ טרער אויפן שפּיץ פון אַ שפּיז.

כ׳וועל ריידן — און הערן, פאַרוואָר,
מיין וואָרט וועט איר נאָענטן און ווייט —
דאָס בין איך — איר געדענקט נאָך: דער ייד,
פארבלאָנדזשעט אין זאַמדן פון צייט.

פאַרבלאָנדזשעט... דער ייד.., אויף דער ערד...
פון צייטן אין צייטן אָן ענד,
פון בלוט און דורך בלוט און פאַרלענד,
דער ייד, צווישן צלם און שווערד.

פארהויקערט, צעבראָכן, צעקרימט,
צעפליקט די קאַפּאָטע פון הינט,
צעשלאָגן אויף וועגן און מערק —
פּאַיאַץ אויף דער תליה פון ערד.

באַשפּיגן — דער „מאָשקע״, דער זשיד,
דער הענדלער מיט שמאַטעס און ברוך,
פאַרטריבן פון הויף און פון טיר,
געקינדיקט צו שאנד און צו פלוך.

פון אוישוויץ דער ייד און פּאָנאַר,
טרעבלינקע און גרויל־באַבי־יאַר,
פון געטאָ אין פלאַמען — אין פּויסטן נאַגאַנען —
דער ברום — פּאַרטיזאַנען אין קאַמף.

דאָס בין איך — איר געדענקט נאָך? — און איצט
געקומען איך בין אויף צוריק,
געקומען פון טויט און פון אש
דעם חשבון צו מאַכן פאר אלץ...

דעם חשבון צו מאַכן — עס שטייט
אין גלעזערנער בודע געקייט
דער הענקער צום משפט געשטעלט,
און ס׳גלאָצט אַ פאַרגאַפטע די וועלט;

יידן — געפאַנצערט מיט דין,
יידן — מיט שווערד פון גערעכט,
יידן — די שופטים אויף שטול,
יידן, די ריכטער און ס׳רעכט!

און דין איז — פון סיני׳ס געבאָט,
ביז גרויל אינעם אויג פון אַ קינד,
ביז טרער אינעם באָרד פון אַ גרייז —
וואָס ס׳טראָגט זייער אַש אום דער ווינט.

און דין איז — די שופטים אויף שטול —
עס וויס נאָר איין גאָט זייער הארץ —
דעם ווי פון פארשטיקטן געשריי,
די טרערן וואָס ווערגן אין האַלדז.

און דין איז — דער אומקום און טויט,
וואָס וואָיעט פון יעדערן זילב —
אין וואָרט פון אַן עדות, צעפליקט,
אין שריפט אויף די בערג פון פאַפיר.

און דין איז — ניט פגר אין שטייג,
וואָס וואַרגט זיך אין אַנגסטן און שווייס,
ניט האַנט וואָס פאַרציען וועט שטריק
און צעשטויבן זיין טמא געביין.

דין איז — דער טאָג פון גערעכט,
דער טאָג וואָס ט׳פארשפעטיקט ביז שפעט,
נאָר הערן איך הער שוין, פאַרוואָר,
זיין טראָט אויף די שפיצן פון בערג.

זיין טראָט, וואָס פאַרזאַמט האָט זיך לאַנג,
זיין טראָט — און איך הער שוין זיין קלאַנג,
זיין טראָט — און איך שטיי און איך וואַרט —
אַ בעכער מיט שטערן מיין האַרץ.

וועל איך ריידן אַצינד אינדערשטיל,
כ'וועל ריידן אזוי ווי צו זיך,
געמאָסטן, געציילט יעדע זילב —
אַ טרער אויפן שפּיץ פון אַ שפּיז.

אין ליכט, פון אָוונט

אָוונט

עס גייען־אויף די שפּיצןביימער —
דאָס גרויסע ליכט פון אָוונט וואַקסט,
אַ פויגל האָט זיין ליד צעשאָטן
אויף צעבליטער צווייג פון קאַרש.

וואַקסט דאָס ליכט — און אַזאַ שווייגן
נידערט שטום אויף מידן קאָפּ,
נידערט שטום — פאַרבלאַסטע שאָטנס
גייען אָפּ מיט ווייסן טראָט.

טראָט — און לעצטער שטראַל אויף ביימער
גייט דאָ אויף צעגליט און גרויס,
און פאַרזייט דאָ נאַכט און פרילינג
און פאַרוועבט דאָ — טרוים און טויט.

צווייג פון קאַרש — עס גליט דער אָוונט,
עס קניט די שעה — פון שעהען שעה,
פאַלט אָן קול דער שניי פון בליטן,
ליד פון פויגל — טיף פון בלאָ.

אָנקום

אַ שטיבל און אַ בוים,
אַ לאָנקע בלוי מיט טוי,
און גאָלדענע נאַסטורציעס —
פארחידושטע, אין שויבן.

אַ ברונעם לעבן פלויט,
אַ טויבנשלאַק ביים סטויג,
און עס שלענגלט זיך אַ שטעגל דין
ביז אָפן טיר אין אָוונט.

אַ טיש, אַ שטול, אַ בעט,
געקאלכטע ווייסע ווענט,
אויף פּאָליצע — אַ בוך
און מאַטער ברוין — אַ וואַזע.

און ברייט דער האָריזאָנט —
אַ בלויער פּאַס פון בערג,
וואָס בלאָנדזשען אין די ווייטן, ווייט
און ווערן ווו פאַרלוירן.

און נאָך עפּעס — אַ נעסט,
צופוסנס ווייסן קוימען —
אַ בושל־פּאָר קלאפּט אויס
דאָס קומען פונעם אָוונט,

אַ בושל־פּאָר — אין ווייס
און שוואַרץ און ווייס די פליגל,
אַ בלויער פּאַס לבנה־ליכט,
אַ רויכל קעגן הימל.

דאָס אַלץ... מיין מידער קאָפּ
און אָפּגעקילטע האַרץ;
דאָס אַלץ, און ס׳בלאַסט די נאַכט
אין אויפגעפּראַלטן פענצטער.

וואַרט איך שטיל און מיד,
די ערד איז ווייס מיט צוויט,
דער מאַנדלבוים צעבליט
און ס׳פאַלט דער קאָפּ צום קישן.

גרוי ווי אַ וואָלף

גרוי ווי אַ וואָלף — און דו גייסט,
עס קוקט יעדער פענצטער — אַ ברונעם,
דאָ גייט דיר אַקעגן באַשייד
אין שעה, שעה פון פנים־אל־פנים.

די שעה פון באַשייד — אלע טעג,
וואָס זיינען ווי רויך זיך צערונען,
דיין בלאָנדזשען, פארשניטן פון שטעג,
דיין אָפטריניק טראָט אומבאַצוווּנגען...

גייסט און עס שפרייזט מיט די שעה
געאָרעמט, אָרעם אין אָרעם,
און עס ציילן לאמטערנעס די טריט
וואָס ווערן אָן עכאָ פאַרלוירן.

און ס'ציילן לאַמטערנעס די טריט
דורך גאַסן, דורך טייכן פון שווייגן,
ווו יעדע פאַרשלאָסענע טיר
היט דעם סוד פון פאַרלאָשענע שויבן.

גייען איצטביידע און שטום
לעשן זיך אייגציקווייז שטערן,
די שעה פון באשייד ווי אַ בלום
בליט דעם אש־גרויען מאָרגן אנטקעגן.

גייסטו אין נעפּל פון גרוי
דער טאָג קומט, אַן אלטער און בלייכער,
מיד איז דאָס האַרץ און פארטרערט
לייכט איז דער קאָפּ און צעשמייכלט.

גייסט און עס קושט דיר די ערד
דאָס לעצטע געוויין פון די וויעס
ווייך ווי אַ וואָלקן דער טראָט
שטיל ווי אַ פליגל זיין עכאָ —

שטיל, אַזאַ שטילקייט און רו —
ווי עס וואָלטן פארשטומט אלע פייגל
אין פויסט — לעצטער הויפן פון ערד,
אין אויג — לעצטער גלי פון אַ שטערן.

*

דאָ זיינען טעג און נעכט
ניט טעג און נעכט נאָר אָנקום,
אַן אָנקום צו א ברעג
ווו עס זאָגט די האַרץ, גענוג!

און טרינקט ביז סאמע דנאָ,
ביז שכרות פון פארגעסן
דעם בעכער שוימיקן פון זון,
דעם כשוף פון אַרום.

אַן אָנוואורף ברוינע בערג,
און נאָענט און ווייט דער הימל,
הימל אָפענער, באהויכט
מיט פעדער־דינעם שוים,

ווי עס וואָלט אַ טויב פארלוירן דאָרט,
פאַרלוירן אירע פליגלען,
און שוועבט צעפליקט איר שווען אויס,
געפאַנגען אינעם בלוי.

אזא דינער, בלענדענדיקער כשוף,
כשוף אָן אַ נאָמען
געשלאָסן אין די אָרעמס
פון שטילן, גרינעם ברעג,

וואָס וויגט באַזאַכט די שאָטנס איין
פון באַרגיקע קאָנטורן,
און חלומט דין דעם חלום אויס
פון אַ פאַרקערטער וועלט.

פיר מעוועס שוועבן דורך —
די שפּיצן ווייסע פליגלען
באַרירן קוים דעם וואַסערפלאַך
און ווידער פוסט דעם רוים,

און ווידער פוסט דער רוים.
עס שפּילן טויזנט שווייגנס אויס
דעם אָנקום פון די מאָרגנס,
פאַרגאַנג פון בלויע טעג

און עס ענטפערן די עכאָס אָפּ פון אלע, אלע הויכן
דאָ איז שוין אַלץ געוועזן
און אלץ איז נייגעבוירן
דער ברעג, די בערג, די זון.

דאָ זיינען טעג און נעכט
אַן אָנקום, א צוריקקער, אַן אויסגעחלומט וואָר,
דער גאַנג צו אַזאַ ברעג,
וו עס זאָגט די האַרץ, גענוג!

דו האָסט מיר היינט געבראַכט...

דו האָסט מיר היינט געבראַכט
ווי א צעהעלטן טאָג
די שכרות פון דער נאַכט,
די ריחות דופטיקע פון וואלד,
פון פריש־גֿעשניטן היי,
ראָמאשקעס אין דעם טאָל
און אייאיר זילבערנעם פון שטיפערישן טייכל —
אין אויסבויג פון דיין האַלדז,
אין דיינע כוואליעס האָר,
אין צאַפּל פון דיין דינעם, כשופדיקן נאקן.

דו האָסט מיר היינט אנטפלעקט
דעם סוד וואָס איז פארוועבט
אין טיף פון שטילער שעה —
דעם וווּנדער און דאָס ליכט,
דעם אויפגאַנג אין געמיט —
אזא צעשטראַלטן פרילינג,

אזא שטיק טיפן הימל,
געזוימט מיט גרינע שפּיצן־ביימער אין אַ קרייז
אין אפּל פון דיין אויג,
אין ציטער פון דיין ברעם,
אין דיינע לאנגע שאָטנדיקע וויעס.

טאָ לאָז מיר קניען דאָ
צופוסנס פון דער שעה,
טאָ לאָז מיר קניען דאָ —
עס איז טיף און נאָענט דיין אָטעם,
די שטערן גייען־אויף,
אין מאַטער בלויער שויב,
די שטערן גייען־אויף,
און דו — ביי מיר אין הארצן.

איך וועל זיצן שוין רואיק
רואיק זיין אצינד,
און שטיל מיט אזא שטילקייט
ווי פון א נאכט אָן שטערן.

די רואיקייט פון אָפּגרונט
וועט איינהילן מיין הארץ,
און שווייגן וועט מיך איינוויגן
מיט וויגליד פון פארגעסן,

איך וועל זיצן אויף דער ערד —
א טאָג, א נאַכט, א טאָג,
און בלינדע וועלן ציען זיך
די שעה׳ען אין די ווייטן.

עס וועט אפשר לייכטער זיין אזוי,
פארשניטן פון א טרער,
זיך איינהערן ווי עס כליפּעט אויס
דער ווייטיק זיינע פּיינען.

איך וועל רואיק, רואיק זיין —
קיין וואָרט, קיין טרייסט — ס'איז נאַכט,
און נאַכט האָט אַלע טרויערס
פאַראַנקערט אין מיין שווייגן.

איז גוט שוין, גוט אַזוי —
איך זאָג אַ גוטע נאַכט,
איך זאָג אַ גוטע נאַכט.
עס גליט די גאַס אין פענצטער.

באַגין

און ווען עס האָט אויף טאָג גענומען שאַריען,
און גאַס איז ווידער שוין געווען גאַס — און בוים אַ בוים,
האָט ער אַראָפּגעלאָזן לאַנגזאַם די פאָרטיערן
און אַוועקגעשלייכט אַ שטומער אין פאַרטונקלט רוים.

דאָס טרילן פון אַ פויגל האָט געקלירט אין שויבן,
אַ ספק = ערשטער = שטראַל האָט אויסגעשאָלט מינאר,
די גאַס האָט זיך אַ ריס געטאָן מיט אויפגעוואַכטן ברילן
פון טויזנט רעדער שטאָלענע אויף אַש־גרויען בעטאָן.

ער האָט אַוועקגעשלייכט. אַ שאָטן צווישן שאָטנס,
די ווינקלען צימער האָבן ווייכע איינגעזאַפּט זיין טראָט,
און האָבן, ווי מיט קילע הענט, דעם שטערן אויסגעגלעט
אים,
און האָבן ווי פאַר זיך אזוי, פאַר זיך אזוי געזאָגט :

,,איצט איז גוט — און דו מיט אונדז אינאיינעם,
דו מיט אונדז — פּירקאַנטיק איז די שעה,
פּירקאַנטיק איז דער אומעט, דער פאַרקלעמטער טרויער,
דאָ שפּינען ווענט דאָס שווייגן אויס אין פּיאָלעט און גראָ.

„טאָ בלייב מיט אונדז — דאָ האָט די טרייסט געניִדערט,
דאָ האָט די טרייסט געבויט אַ נעסט פאַר דיין געמיט.
טאָ גיב זשע נאָך און וואַרט, און וואַרט מיט אַלע ווארטנס,—
מיר שוועבן, ווייסע זעגלען פיר, ווי אויפן ים אַ שיף.

„טאָ גיב זשע נאָך און וואַרט — אַ בלעטערפאַל פון שעהען
וועט שיטן זיך אויף דיינע הענט אין האַרבסטיקן געשיט.
און דו וועסט שניידן שניט פון פולע סנאָפּעס שווייגן
און וואַכן איבער עכאָס פון פאַרשטומטע טריט...״

און ער האָט נאָכגעגעבן — אַזויפיל רוים פון זעגלען —
זיבן טריט פון שרייבטיש ביז פאַרקאָוועט טיר,
זיבן טריט פון ביכער־שראַנק, צעשויבערטן, ביז פענצטער,
זיבן טריט — און שווער דאָס שניט פון אומעט אין געמיט.

און ער האָט נאָכגעגעבן — עס איז די שוועל צערונען,
ווי אין פאַרטאָג אַ וואָלקן, אַ נעפּל אין באַגין,
ווי עס וואָלט זיך קיינמאָל קיין טיר דאָרט ניט געעפנט,
ווי עס וואָלט קיין שטעג אַהין קיינמאָל ניט געפירט.

און ער האָט נאָכגעגעבן — עס איז געווען אַלץ איינס שוין —
צי וועלן טעג און נעכט אנטקעגן גיין זיין טראָט,
ווענט — פיר ווייסע זעגלען אין געשלאָסן פיר־עק —
האָבן אויפגעפלאַטערט אויף זיין מידן קאָפּ.

באַשייד

די שעה ניט דאָאיקע, די ווייטע ווייטיקע,
וואָס וועט מיר צוטראָגן אין אָוונט צייטיקן
איר טיי־לעפעלע טרייסט, איר טיי־לעפעלע רו —
די פריקרע, זיסע פּליסיקייט
וואָס מאַנטשעט און זאָגט צו —
פאַרגעסן —
זאָל זיין ניט זיין,
זאָל זיין פון אלע שעהען מיר
פארשניטן און פאַרשאָלטן.

איך וויל זיין ווי אַ קינד א שלעכטער און פארעקשנטער,
אַ קינד וואָס פאַרגייט אין געוויין אין די נאַכט־שעהן,
וואָס פאַרקלעמט די ציין און קערט אָפּ דעם קאָפּ
און מיט הענט און מיט פיס
שטופּט ער אָפּ
און פאַרגיסט
דעם זיסלעך=ביטערן געמיש
אויפן קישן —
אויסגעווייקט מיט אנגסטן.

איך וויל זיין ווי אַן אָקס מיט אויגן בלוט־פּאַרגאָסענע,
וואָס איז מיד פון זיין יאָך און רייסט פון קייט זיך אָפּ,
און צעטרעט מיט די פיס און צעשטערט און צעשטויבט
די קאָרעטע פּאַשע —
זיין אָוונטדיק לוין,
און אַנטלויפט
מיט בלוטיקע הערנער און שוימיקן מויל
אין וואָיענדיק פינצטער
פון נאַכט און פון גרויל — אָן אַ שטעג — —

די שעה פון אָוונט־רויט ביים ראַנד פון טעג מיינע,
זאָל מיר אַקעגן גיין אומברחמנותדיק
מיט קאַלטער ניכטערקייט — אַ שווערד אַ נאַקעטע,
און זאָל באַשערט מיר זיין
מיט אויגן אָפענע
פאַרנעמען ביז אין טיף
מיין יעדען אָפטריניק,
די שוואַרצע שולד פון זינד, די גרויע וואָכיקייט
פון לעבן אויסגעברענט, פון טעג פאַרלאָשענע.

און זאָל באַוויליקט זיין מיר אויפגיין אינעם פלאַם,
אין פלאַם אין לויטערן, פון מער ניט זיין אין זיין, אין
לעצט געדעכעניש —
ניט גרעזל אינעם פעלד, ניט ווינטל אָוונטדיק,
נאָר מעוועס אויסגעשריי, נאָר פעלדז צעשפּאָלטענער,
פעלדז אין שטום געוואָי
ביים ברעג פון אָפּגרונטן,
ווען ער פּאַלט ווי ס'פּאַלט
אַ שריפה אין דער נאַכט
און פאַרגייט אָן קול.

ניט דער טאָג...

ניט דער טאָג האָט זיין וואַרטן צעאויגנט,
ניט די נאַכט האָט איר שווייגן צעשאלט,
ס'האָט געצאַפּלט אויף באַרגשפּיץ אַ פויגל —
די אימה פון פלי און פון פאַל.

דאָס גלאָקן־געוויין פון דער שקיעה
צעקלונגען האָט שטומען געהאָרך
פון שווייגן וואָס גייט אויף אַ גאנצער,
אינצווישן אַ פאָך און אַ פאָך.

און גאַנץ איז געוועזן די רגע
ניט צייט און ניט מאסע — נאָר זיין,
אַ יעסיענדיק בלאַט אין זיין פלאַטער,
אַ שפּליטער פון טוי אין באַגין.

אַ וואָלקן צעשויבערט — און שוואַרצע ראַווינען
אָן פעלדז, אָן אַ בוים —
קאסקאדן פון ליכט אָן א הימל,
זיגזאַגן פון שאָטנס אין תהום.

און בלינד — אַ געשריי אָן אן עכאָ
פּאַלט צעפּליקט ווי אַ בליץ און פאַרגייט,
פּאַלט צעפּליקט — צווישן רגע און רגע
געפּלאַצט האָט די שטאָלענע קייט.

האָבן אויג און אַן אויער און ליפּן
מיט שאַרף פון אַ נאַקעטער שווערד,
מיט ווייכקייט פון נאַכט פול מיט הימלען
פאַרנומען דעם בלינדן באַגער.

און טיף, אזש אין בלוט איז פאַרגאַנגען
דער ציטער, דער ווײ און דער רוף —
צעפּאָכעט אויף באַרגשפּיץ אַ פויגל,
אַ פויגל אין הימל — און דו.

צוריקקער

קלאַפּט איינער אויס די שורות אויף שטאָל פון רעמינגטאָן,
אַ צווייטער מיט שטילעט בליצט — פּאַרקער איין און פּופּציק —
נאָר ערגעץ אין באהאלט פון נעכטנס און פון הארץ לויערט ווו און וואַרט,
דער שוואַרצער טראָפּן טינט אויף שטומפּיק שפּיץ פון פּעדער.

שוואַרצער טראָפּן טינט, כישוף פון געמיט,
חיות פונעם ליד אין טיף פון שטויביק טינטער —
רויער שוואַרצער טראָפּ, וואָס בליאקעט און פארשמירט
און גיט מיט ריח אָפּ פון ברוינע וועלשנע ניס און טרוקענע ראָמאַשקעס

טראָפּן טוי פול נאַכט, וואָס גלאַנצט מיט פייכט פון טייך,
מיט אייאיר אויפן ברעג און שטיקער נאָענטן הימל
און היט ביז פּיין דעם סוד פון ניט געבוירן וואָרט,
זיין אָנמאַכט און זיין זיג — וואָרט אין אויג און אויער.

וואָרט וואָס איז באַשייד און ענגט ווי שאַרף פון האַק
און פאַלט ווי פליגל־פאַל און פינצטער פון א וואָלקן
און מאָנט זיין שכר אין זיין, זיין אין טיף פון בלוט
לייטער פונעם רוף — פון זיך צו זיך פארוואָרפן.

טראָפּן אויפן פּען, שפּיגל פון דערקען, אָפּבילד פון גערענקען,
פרייד פון הענטלעך קינדערשע מיט שוואַרצע פליאַמעס טינט,
פרייד פון ערשטער, ערשטער בלאַט פון אייגענער געשריפט,
דאָס ווייטע, ווייטע וויגליד און דאָס שטומע וויג — די אומשולד און דער גלויבן...

תנ"ך־מאָטיוון

שרייבט דוד צו בת שבען...

שרייבט דוד צו בת שבען,
און זיין הארץ איז שווער:
„עס טוט דער מלך צו דיר שרייבן —
נאָר כ'בין ניט מלך מער.

„מיינע טעג און נעכט, ווי שאָטנס,
גאַרן דיין געשטאַלט.
און מיין אויג, מיין אויג איז וואַסער,
נאַכט איז מיין באהאלט.

„כ'טראָג די קרוין, ווי ס'טראָגט אַ ציפּרעס
די לבנה אויף זיין קאָפּ —
„מלך, מלך!" יובלען מענגעס,
„גרויס איז דיין גנאָד!"

„גרייזע זקנים אין מיין טראָנשטוב
דאָרשטן נאָך מיין יעדן וואָרט,

און די יונגען — הענט אויף שפּיזן —
וואַרטן מײַן געבאָט.

„נאָר ס'איז פּוסט און גרוי מײַן פּאַלאַץ,
ווי ס'איז פּוסט מײַן האַרץ —
אין מײַן ליכט רויט גאַנץ ישׂראל,
און אין מיר — די נאַכט.

„ניט דער מלך טויט באַפוילן —
עס וויינט מײַן שווער געמיט,
די שווערד פון משפּט, אַן אַנטבלויזטע,
רויט אויף מײַנע קני.

„די שווערד פון משפּט, און מײַן שווערער,
זינדיקער באַגער —
נאָר דו קאָנסט משפּטן מײַן אָפּטרין,
דו וועסט זײַן גערעכט...

„הײַנט וועט מען קיין לאָמפּן צינדן,
אין שאָטנס טויכט זיך מײַן געמאַך,
און אין שוואַרצן אײַנגעוויקלט
דער מלך שטייט און וואַרט.

דער יונג, וואָס ברענגט מיין בריוו און זיגל,
וועט לייכטן דיר דעם וועג, — —
ס'איז נאַכט — א בלוטיקע לבנה
גייט־אויף אויף שפּיצן בערג"...

בת־שבע לייענט שטיל און שמייכלט,
עס גליט איר לעצטע טרער —
זי גייט — אין שטויב פון ווייטע שטערן
גלאַנצט דער שאַרף פון שווערד.

איוב

ער זיצט אין אש, דער קאָפּ אין שויס געבויגן,
ער זיצט אין אש און פּרעפּלט אָן א קול:

„זאָל אונטערגיין דער טאָג, דער טאָג פון מיין געבוירן,
די נאַכט וואָס ט׳אנגעזאָגט — אַ קינד אין מוטער־לייב...״

קומט אָן פון ווייט די נאַכט, צופוסנס די לבנה
וואלגערט זיך — אַ שערבל, צעבראָכן אויפן ראַנד,

ער קראַצט זיין רויען לייב, די אייטערדיקע וווּנדן:
„זאָל חושך זיין דער טאָג, ניט ווערן זאָל דערמאָנט...״

קומט גאָט צוגיין, דער שטן שפּרייזט ביים זייט אים,
אוןביידע זעצן זיך צופוסנס, צופוסנס אין זיין אש;

איצט שווייגן דריי — עס וואָיען נאָר שאַקאַלן,
ערגעץ שאָרכט פאַרביי אַ שלאַנג אין רויען זאַמד.

איצט שווייגן דריי — עס פאַלט א שווערער טראָפּן,
דער מדבר הערט זיך צו, ווי ס׳לעשט א טרער דאָס אש,

דער מדבר הערט זיך צו, אין שיין פון ווייטע שטערן,
ווי גאָט וויינט שטילערהייט, און ס׳בייגט די נאַכט איר קאָפּ.

עס פאַלט אַ טרער אין אש, עס שטומען אלע שווייגנס.
עס דוכט זיך גאָט, אז איוב רעדט צו אים;

עס דוכט זיך גאָט, אז איוב האָט פארגעבן,
עס גליט זיין בלאַסער שמייכל, און יעדע ווונד — אַ קוויט.

„גרויס איז דיין ליכט, דאָס ליכט פון אלע וועלטן!
דו ביסט גנאָד, נאָר ס'איז צו שוואַך מיין פלייש,

„צו שוואַך מיין ווונדיק לייב דיין חסד צו פארנעמען —
דו האָסט מיך אויסגעוויילט — איצט זע, איצט זע מיין פיין!

„ס'איז גרויס, ווי גרויס דיין ליכט! און אפשר גרעסער, גרעסער
ווייל דו ביסט אויך געפּענטעט צו דעם וואָס זיצט מיט דיר,

„ווי איך צו קרעציק לייב, צו אייטערדיקע ווונדן,
וואָס כ'בין פון דיר געשלאָגן, און ס'איז דיין ווונד אין מיר.

„טראָג איך אין מיין פלייש די צייכנס, דיינע צייכנס,
די גנאָד וואָס האָט געפורעמט מיך דאָס אָפּבילד פון דיין זיין.

„און יעדע ווונד א צונג, וואָס זינגט דיין לויב ביז שטערן,
און יעדער ווייַ דאָס עכאָ, וואָס וואָיעט אויס דיין פּיין,

„דיין פּיין פון אלץ וואָס איז געווען און זיין וועט,
און איז געבורט און טויט און גאַנג אין גאַנג, אין גאַנג.

„ס'געוויין פון בליטן־שניי, וואָס פאַלן אינעם אָוונט,
דער ווייַ פון צאַנקנדיקע שטערן אין האַרץ פון אלע נעכט.

„און איך, דאָס בלוט און פליש, דער אויסגעשריי אין צונטער,
אַ קנויל צעאָדערטער פון ייאוש, גלויבן און עמפער,

„וואָס טראָגט די פּיינען־פּיין אין יעדן גליד און אָדער
און רופט צו דיר — אומזיסט — דורך אלע טעג און נעכט.

„ליג איך איצט פאַר דיר אין אש און ליכט פון שטערן,
ליג איך איצט פאַר דיר — דיין ווילן איז געשען —

„און וואַרט, און וואַרט ניט מער — אויפגיין זאָל דיין ענטפער,
איידער כ'וועל אָן טרייסט פארגיין — א פונק אין קאלטן אש"...

און גאָט האָט אים געענטפערט — זיין וואָרט פון ווירבל שטורעם,
און גאָט האָט אים געענטפערט פון רעגנבויגנס־ליכט,

און גאָט האָט אים געענטפערט פון אָפּגרונטן און הייכן,
געזאַנג פון מאָרגנשטערן און רעווען פונעם ים.

און גאָט האָט אים געענטפערט — שטויב צו שטויב דיין וויסן,
שטויב צו שטויב און אש צו אש — דיין גורל און באשייד.

„און גאָט האָט אים באַגיטיקט, געטאָפּלט זיין פארמעגן
און ער איז אלט געשטאָרבן, אלט און זאַט מיט יאָרן".

עס האָט פאַרלאָשן זיך דער פונק, עס איז די פלאַם פאַרגאַנגען,
אַ שפּילעוודיקער ווינטל פארווייט האָט ס'קאַלטע אש.

אלישע

„ויעבור אליהו אליו וישלך אדרתו אליו...״

(מלכים א׳ יט—יט)

ער האָט מיך אָנגערירט און איז פאַרבייגעגאַנגען,
זיין אָטעם האָט אַ ברי געטאָן מיין נאַקן ווי אַ פלאַם —
עס האָט אַ ווינטל קוים אַ שווּעב געטאָן דורך פינגער
און מיך געלאָזט אַ ליידיקן — און פולן, ווי דער ים.

צי שאָטנט נאָך זיין מאַנטל דאָרט אַקעגן שאַרלאַך הימל ?
צי לעכצט אַזוי דאָס פעלד נאָך זיין צעגליטן טראָט ? —
עס וואַרטן שטום, געדולדיקע אין שווערן יאָך די אָקסן,
און אויסגעקערט דער אַקער ליגט, ווי אַ צעבראָכן טאָפּ.

עס האָט מיין האַרטע פראַצע מיך צום ווייסן שטויב
געבונדן,
אין שווערן טראָט פון אָקסן־שפאַן האָט טריי געשפרייזט
מיין טאָג —
דאָס אָרעם גערשטן־ברויט האָט פול געלויכטן מיט לבנה,
די אָוונט־שעה — מיט גארבן־גנאָד, און גאָלד פון שייערס
— נעכט.

איצט הילכט פאַרלוירן אָפּ מיין קול פון גליענדיקע פעלדזן,
אַן אָדלער פליט פאַרביי און ליידיק בלייבט דאָס פעלד.
עס ברומען אומגעדולדיקע די אָקסן קעגן הימל —
די שאַרלאַך־שעה פאַרגייט אין אַש אויף מיינע פוסטע הענט.

חורב

מיר האָבן זיך באַגעגנט
שוין ווידער, ווידער, ווידער —
באַגעגן פונעםווירבלשטורעם
מיט אַ דאָרנבוים אין וויסט ;
דו האָסט זיך דורכגעטראָגן
מיט קול וואָס צינדט דעם מדבר,
וואָס רייסט אויס שוואַרצע פעלדזן,
און בינסט אין וייט אוועק.

דו האָסט זיך דורכגעטראָגן —
געבריל פון שאַרלאַך־לעמפערט,
געוואָי פון סטייעס גייערס,
געברום פון טערטלטויב.
און ווידער — שווייגן, שווייגן ;
פון ברעג צו ברעג צעשאַלטער,
דו האָסט זיך דורכגעטראָגן
און האָסט מיך קוים באַריירט.

דו האָסט מיך אָנגערירט — און ווידער
בין איך מיטן פּנים צו דער ערד געפאַלן.
דיין נאָמען אויף די ליפּן,
אויף מיינע ליפּן אַש
און אַש — מיין גאַנץ געביין,
וואָס האָט געגאַרט דיין אָנבליק,
וואָס האָט געהאַרט דיין אָנריר,
וואָס האָט צו דיר געלעכצט.

דו האָסט זיך דורכגעטראָגן,
און מיך — א הויפן אַש געלאָזן,
צעצונדן אין דיין אָטעם,
פאַרלאָשן אין דיין הויך —
אַ הויפן קאַלטע אַש,
צעשאָטן אויף דער וויסטעניש
פאַרשניטן פון געדעכן,
פאַרהוילט פון אויג פון טאָג.

נאָר ווידער פאַלט דיין שאָטן
אויף שפּיצן בערג צעגליטע,
עס שאַלט פון ווייטן ווייט
דיין רוף — אי רוים, אי תהום,

שטיי איך אויף, צעפּליקט,
פון אַש פון מיינע ווייען
און ווידער, ווידער פאַל איך,
מיין פּנים צו דער ערד.

מיין פּנים צו דער ערד —
ווי לאַנג, ווי לאַנג, באַצווינגער
וועט דויערן מיין אויספּרווו,
מיין אנגסט אין לאַנגן טאָג?
ווי לאַנג וועסטו מיך אויסזוכן,
וועסטו מיין גלויבן מעסטן,
מיין דורשט צו דיין צעשטראַל —
צעלויכטן מיט דיין אָנריר מיך
און איבערלאָזן — אַש?

עכאָס

און אַז גאָט גייט שפּאַצירן אין קילקייט פון אָוונט,
ווו קלאַפּט ער אָן?
ערגעץ אין אַ גידעריק פענצטער, אין אַ האַלב־אָפענער טיר,
אין אַ צעהויקערטער וואַנט מיט צעפּאָרענע ציגל
פון אַ חרובער בוידעם־שטיבל —
ווו קלאַפּט ער אָן?

און וועמען זוכט ער —
ווען אין פאַרשרפה׳טן, אַשיקן הימל
טויכט דאָס ערשטע ליכטל אויף, צאַפּלט־אויס אַ בלויער סוד —
און טיף ווערט דאָס שווייגן אין צווייגן פון ביימער,
און לאַנג ווערן שאָטנס און בלאַס און פאַרלוירן —
וועמען רופט גאָט?

און צו וועמען רעדט ער —
אין שעה, שעה איינאיינציק אין שעהן,
וואָס זיבן מאָל זיבן איר צוהער
איז שטילער פון האַרץ־קלאַפּ פון אָוונט,
איז טיפער פון בלינדע נאָך חצותן —
צו וועמען רעדט גאָט?

צו דעם וואָס האָט גערופן אָן אויפהער
דורך נעכט, נעכט פאַרקאָוועטע גראַטעס,
צו דעם וואָס געקניט אָן אַ וואָרט האָט,
ווען ס'האָבן געענדיקט זיך ווערטער,
צו דעם וועמענס הענט האָבן — לייטערס —
געקלעטערט — פאַרברענטע שטורקאַצן,
געקלעטערט ווי צונגען פון פלאַמען,
אין צונטער פון שריפות פון וועלדער,
געשטאַרצט ווי פאַרקוילטע מזבחות וואָס האָבן פון אַש זיך געריסן,
געריסן אַקעגן דעם ציטער פון ווייטע, פאַרלאָשענע שטערן
און האָבן זיין נאָמען גערופן —
צו וועמען רעדט גאָט?

אין קילקייט פון אָוונט, אין שעה פון דערהערן
עס רופט נאָך, עס ציטערט זיין שטימע,
זיין שטים אין איר בלינדן געזוך נאָכן מענטשן,
זיין שטים ווי אַ לאַם,
ווי אַ לייב, ווי אַ שטורעם:
וווּ ביסטו?

און פון אַש און פון גרויל און פון אָפּגרונטן־יאוש
עס ענטפערן קולות, — די עכאָס צעפּליקטע,
עס ענטפערן כוואַליעס געוואָיען:
וווּ ביסטו? וווּ ביסטו? וווּ ביסטו? — — —

אַ קעגן

אָפּשייד

אויף אַ ראָג פון אַ גאַס אין קאָרדאָווע,
גאַס מיט ריחות פון מילגרוים און טרויב,
אין אַ שעה אַ צענאַכטיקטער, שפּעטער,
שעה פון שטערן און שווייגן און טוי —

זיי זיינען געשטאַנען אין שאָטן
פון סומנער קאַשטאַנען־אלעע —
צעפלאַטערט האָט נאַכט אירע ווייען
איבער קויפּיקער שעה פון צעשייד:

זיי זיינען געשטאַנען — געשפּילט האָט
אַ טרער מיט אַ שמייכל אין אויג —
צווייִ האַרפן גערעדט האָבן שטילע,
צווייִ זילבערנע האַרפן פאַרטרויט:

„יהודה, איך גיי, נאָר ניט לאַנג איז
און לאַנג מיין פאַרפייניקטער שטעג,
צעטראָטן אויף ענדלאָזע וועגן
עס שליסט זיך דער קרייז פון די טעג.

,,געטריבן פון האַרץ מיין פאַרווירטע,
פון ווונד, ניט געזאַלבט, ניט געהיילט,
איך וואַנדער דורך עלנט און אומרו,
און אַ יעדערער טראָט איז צעטיילט.

,,איצט מיד און ביים ראַנד פון מיין אָוונט,
אין פולקייט פון גילדערנעם האַרבסט,
איך שטיי מיט אַ בעכער אַ לערן,
צערונען די פורפורנע זאַפט — —.

,,איך ווייס ניט דעם ווינקל געלייטזעלט
פון לאַנד אַנדאַלוז, מוטערס שויס
וווּ צופאַלן מיד וועט מיין שטערן
צום הייסן, צום דופטיקן שטויב.

,,נאָר איך ווייס אז אויך דאַן וועט דיין נאָמען,
פירשט פון דיכטערס אויף שפּאַנישער ערד,
באַלויכטן מיין רגע פון אנגסטן
אין ביטערן, לעצטן באַשייד.

,,איך בין שולדיק דיר פיל פאַר דיין טריישאַפט,
דיין איידעלן, צאַרטן געמיט,
דיין קוואַליקע, ליכטיקע נאָענטקייט —
נאָר מערער פון אַלץ — פאַר דיין ליד.

זיי געבענטשט...״ נאָר צעפּליקט איז געפֿאַלן
זיין וואָרט — דינער פויגל אין פלי —
ס׳האָט אַ טרער אין זיין באָרד זיך פאַרקייקלט —
אַ הייסער, צעגליטער רובין.

„בן עזרא, מיין ברודער און מייסטער,
באפליגלטער זינגער און ליכט
פון ישראל אויף ברעגן פון מערב,
זיין פידל און גאָלדענער ליד.

„ניט איך, בידנער מילב, האָב אַ באַלזאַם
פאַר דיין וווּנד, וואָס איז טיפער פון האַרץ,
אָדלערס מיט פליגלען צעשפּרייטע
באַגלייטן דיין טראָט און דיין גאַנג.

„דיין וואַנדער האָט זין און באַשייד,
דיין עלנט — אַ מלכותדיק קרוין —
רוט הויך אויף דיין קאָפּ, ווי אַ וואָלקן
אויף איינזאַמען שפּיץ פון אַ בוים.

„ס׳איז אַן אויג דאָ וואָס זעט דיינע פּיינען,
אַ האַנט וואָס קלייבט אויף דיינע טריט
און וועבט זיי — אַ טעפּיך מיט שטערן,
און פלעכט זיי — אַ הימל מיט צוויט.

„דיינע טעג וואָס צערינען ווי וואַסער,
דיין געדאַנק וואָס פאַרוואַלגערט אין אש,
גייען אויף ווי די כוואַליעס צעברויזטע
אַקעגן די מאָרגנס צעקוואלט.

„דו גייסט, נאָר דיין גאַנג איבער וועגן
איז גאַנג ניט פון טריט נאָר פון ליכט,
אזוי גייט די זון צו די ראַנדן
פון פלאַמיקן הימל, צעגליט — —.

„כ'האָב ניט פיל דיר צו געבן ביים אָפשייד —
בלויז מיין פעדער, מיין האָרן מיט טינט,
מיין זילבערנעם גאַרטל צום אָנדענק,
מיין ברכה, צעפליקט פונעם ווינט,

„און מיין ליבשאַפט — די ליבע וואָס טיפער
פון טריי צו אַ ברודער אין בלוט,
דו האָסט איר ביים יינגל געוווּנען
און ס'טראָגט זי דער מאַן אין זיין ברוסט.

„גיי אין פרידן, נאָך לאַנג איז דיין וואַנדער
און עס שוימט נאָך דיין בעכער מיט טעג,
זע, עס גרויט אויף די בערג דער באַגינען
צעצינדט אין די וויטן דיין וועג — — —".

אויף אַ ראָג פון אַ גאַס אין קאָרדאָווע —
גאַס מיט ריחות פון מילגרוים און טרויב,
אין אַ שעה אַ צענאַכטיקטער, שפּעטער,
שעה פון שטערן און שווייגן און טוי — — —

אויפֿן ראָג

עס האָט דער זייגער אויסגעכריפּעט צען ביינאַכט —
אַ ווינקל גאַס;
אין סאַמע האַרץ פֿון שטאָט אַ ווינקל גאַס:
אַ סלופּ, אַ קאָרב, אַן אויסגעווייקטע באַנק —
„פּאַר ווייסע בלויז" — שיפּעט אויס
ס'געשריפּט פֿון גרעלן רויט.

אויף ווייכע שלאַבערדיקע לאַפּעס קריכט אום אַ טומאַן,
אַ בעריש־אומגעלומפּערטער, צעשויבערטער אַזאַ —
עס זיפּט אַ דינער רעגן זיך, פֿאַרטאַיעט, אָן אַ קלאַנג
און לאַנג די שעה איז, לאַנג,
און אומהיימלעך און פּוסט —
עס האָט פֿאַרשפּעטיקט זיך, פֿאַרשפּעטיקט די נאַכט, מיין
אויטאָבוס.

ס'איז פּוסט די גאַס און נאַס און קאַלט,
עס גלאָצט אַ בלינדער דער אַספֿאַלט
אַקעגן דעם נאַקעטן גליווער פֿון גלאָז,
אין ווירבל פֿון ווילדן נעאָן־קאַראַהאָד,
וואָס שוימט פֿון צעפּראַלטע וויטרינעס אַרויס
מיט ברום, מיט באַנומענעם, שיכורן: קויף!

פאַרטייעט שאָטנט זיך אַ טיר, פארטונקלט גלימערן די ליכט,
אַ שטייג פון ווענט — פארבלענדט און בלינד,
ווו ס׳רוען, רוען אַלע טריט.
און טויזנט אָטעמס פרייכן הייס,
געמיש פון רויך, פאַרפיום און שווייס,
און העשן אויס ס׳געוואָי פון פלייש,
געוואָי צעריסענעם אין נאַכט.

און שטום די גאַס — געכליפ אָן קול, געכליפ צעשויבערטער — אַ קנויל,
אַ בערגל שמאַטעס, נאַס און פויל
צופוסנס ווייסע מירמל־טרעפ,
צופוסנס נאַכט אין האַרץ פון שעה
צופוסנס אָפגרונטן אָן דנאָ —
אַ שוואַרצער בעטלער אויפן שוועל.

ער וויינט ניט מער, עס גליווערט בלויז אַ קאַלטע טרער אין פוסטן אויג,
אַ קאַלטע טרער, צעפליקט און מאַט,
וואָס פאַלט אַראָפּ, צעקרימט און קראַנק,
אויף שוואַרצער ביינערדיקער האַנט,
האַנט — צעכראַשטשעט און פאַרסמט,
מיט קרומען פלאַטער פון אַ קלאָ און שוואַרצער פויגלשקייט פון ראָב.

ער ליגט אויף נאַסן טראָטואַר — אַ גרויער פלעק
פאַרשטאַרט און שטאַר,
און ס׳גליט מיט קאַלטן, קרומען גלי
דאָס בלעכן קענדל ביי זיין קני —
אַ פוסטער ווייסל פון אן אויג,
וואָס שרייט אַרויס זיין שטום געוואָי
אין גרויער נאַכט אין פרעמדער גאַס, אין ווילדן וואַלד פון
ווייס און שוואַרץ.

און לאַנג האָב איך זיך צוגעהערט צום יאָמער פון געוואָי —
ניט מענטש, ניט האַרץ, דאָ האָט אַ שטיין געקלאָגט אין
זיך אַזוי!
און כ׳האָב געוווסט, אַז יעדע נאַכט, אַ יעדע, יעדע נאַכט —
ביי אַ בעטלער אויף די מירמל־טרעפ,
געשריפטס אויף רויטער באַנק — —

אייזערנע טרעפּ

אייזערנע טרעפּ קעגן הימל —
דינע, געבראָכענע ליניעס,
זיגזאַגן פון שטאָלענע סטרונעס
פאַרצויגן אויף שווערע קאָנטורן
פון גרויע, בעטאָנענע טורעמס.

אייזערנע טרעפּ קעגן הימל —
שפּילן אויס בלויע באַגינענס,
צעהילכן פאַרלאָשענע פויקן
מיט באָרוועסע פיס וואָס צעפּויקן,
צעקלינגען מיט קופּערנע רינגען
קולות פון בוש און פון אימפּיס [1] —

אייזערנע טרעפּ קעגן הימל —
הויך איבער שטאָט זינגעןווינטן,
פלאַטערן „וואָלקנס־לאָקיישנס" [2]
און פּיס ברוינע, בייגעוודיק־שלאַנקע
רוישן ווי צייטיקע זאַנגען,

קלאפּן אויס ווייכע טאַטועו
אויף וועבן פון שטאָלענע סטרונעס.

אייזערנע טרעפּ קעגן הימל —
עס קלימפּערן שטיל מאַנדאָלינעס
אין דופּטיק־צעשאָטנטן אָוונט,
ווען עס לאָזן זיך יונגען אַרונטער
אין געסלעך אין שטילע, פאַרטונקלט,
געטריבן פון אומרואיק גאָרן
נאָך ווייטע, צערונענע קראַאַלן [3],
נאָך ריחות פון בוש [4] און פון וואַסער.

אייזערנע טרעפּ קעגן הימל —
עס שווימט אַזאַ בענקשאַפט אין גלידער,
עס נאָגט אַזאַ הייסער באַגערן
נאָך באָרוועסן אָנריר, אויף שטעגן,
פון שטויב פון צעגליטן און אייגן,
וווּ בערג בלויע ציען אין ווייטן
ווי רויך איבער היימישע שייטערס,
ווי רויך — — —

נאָר עס ווערן צעטראָטן די יאָרן
אין שטאָט פון צעטורעמטע גאָרנס,

שטאָט פון פרעמדקייט און ביטערער פראַצע,
פון צוואנג און פאַרקאָוועטע גראַטעס
ווו עס ווערן אָן זכר פארשלונגען
צענטויזנטער גאָלד־ברוינע יונגען,
צעמאָלן אויף אש אין די ציינער
פון טורעמדיק שטאָלענע הייבערס
אין ברום פון בעטאָן און פון וואלצן.

אייזערנע טרעפ קעגן הימל —
דינע, געבראָכענע ליניעס,
זיגזאַגן פון שטאָלענע סטרונעס
צעכליפן אין נעפל פון אָוונט
דעם ווײ פון געפענטעטע טראָטן — —
נאָר פון טיפן פון קעלערס און היילן,
פון גראַטעס און זשאווער פון קייטן
גייט־אויף שוין א ליד א באנייטער,
וואָס זאָגט אָן צעהעלט, א באַפרייטער
ביז וואָלקנס דעם בלויען נצחון.

1) אימפּיס — עסקאדראנען פון אפריקע קעמפער.
2) וואָלקנס־לאקיישנס — באצייכענונג פון די וויין־קאמערן פון די אפריקער באדינטע אויף די דעכער פון די געביידעס.
3) קאראל — דאָרף פון די אפריקער.
4) בוש — אפריקאנער סטעפ.

רוף

רופט דער ים פון זיינע טיפן
מיט געוואָי פון שווארצע ריוון,
מיט געברום פון ווייסע כוואליעס —
שוימענדיקע, ווילדע גריוועס.

מענטש, ווו ביזטו, זון פון אָדם?
ווו האָט דיך דיין טראָט פארטראָגן,
ווו האָט דיך דיין אויג פארמאניעט,
ווו האָט דיין זוכן דיך פארוואָרפן אין די בלאָנדזשעניש ווייטע?

ענטפער! איך בין נעסט און קבר
פון דיין יעדער תפילה הייסער,
פון דיין לעסטערונג צעפליקטער,
און פון דער טרער וואָס טרייסט און שטיקט דיך.

איך בין אלץ — דאָס זיין און ווערן —
היטער פון צעשטויבטע שטערן,
מוטערטראכט פון אלע באגערן,
רייס איך זיך פון מיינע ברעגן: מענטש, בן־אדם, ענטפער!

רופט דער ים פון זיינע טיפן,
אָבער פוסט איז ברעג ביז הימל,
און די נאכט א מידע שווערע
קוקט מיט אויסגעפליקטע שטערן.

קוקט מיט בלינדע אויגן־לעכער —
ים איז הארץ, און הארץ — א בעכער,
בעכער — לאָגל שטומע עכאָס
אָן אַן אָפּרוף, אָן אַן ענטפער, אָן אַן ציטער פון דערהערן.

אין די בלויע קאלטע ווייטן
שוועבט א זעגל א פארבלאסטער,
זעגל פון א שיף וואָס קיינמאָל
צו א ברעג וועט ניט דערלאנגען.

שוועבט דער זעגל א צעפליקטער,
רופט דער ים פון זיינע טיפן,
קראכן כוואליעס אין די ריוון:
מענטש, בן־אָדם, ענטפער!

אַרַרַט

און דער גייסט פון גאָט שוועבט —
ווו איז דער גייסט פון גאָט, גאָ־אָ־אָ־אָט!
פון אלע ראַדיאָ־סטאַנציעס, איבער דער גאָרער וועלט,
פון אלע ראַדיאָ־טורעמס, וואָס זיינען מער ניטאָ,
פון אלע צעשמעטערטע אַנטענעס,
פון בעטאָנענע בונקערס, אונטער דער ערד,
פון חיילן —
מען רופט נאָך: ס.או.ס.
אין אַלע שפּראַכן אויף דער ערד,
אין אלע לשונות פון חיה און מענטש —
מען רופט.

איבער אָפּגרונטן פון נעכטנס,
אין געשטום פון אלע זייגערס,
דורך געבריל פון גרינע כוואַליעס,
אייזבערג, ווירבלדיקע קריעס,

דורך צעפליקטע, שוואַרצע נעפלען,
זיילן רויך און בלינדע פלאַמען,
קראַך פון ווענט, פילאָנען, טורעמס,
רואינען, שטשירענדיקע היילן —
מען רופט.

נח׳ס אלטע, קראנקע תיבה ווארפט זיך, ראנגלט זיך ביים אָפּגרונט,
זינקט צעשפּאָלטן אינעם פינצטער,
פינצטערניש פון נעכט אָן דנאָען,
און איינאיינציקער, צעפליקטער, מאויימדיקער כאָרכל רייסט זיך,

אַ געוואָי אזא דערשטיקטער,
אַ געבריל פון שאָף און חיה,
אַ געכליפּ פון מענטש:
גאָ־אָ־אָט...

און אויף ערגעץ אַ באַרג, ווייט אוועק, ווייט אוועק,
אויף ערגעץ אַ באַרג,
קרייט רויט אויס אַ האָן דעם אָנקום פון טאָג,
פון טאָג ניט קיין טאָג.
קריכט פאַרלאָשן די זון דורך בערג שוואַרצע אַש,
דורך שווארצע בערג אש.
און קיין הימל איז ניטאָ מער און אלע שטערן טויט,
און אלע שטערן טויט —
טויט אקעגן אלע פענצטער,
טויט אקעגן אלע טירן,
טויט אקעגן אלע גאסן,
וועלכע האָבן זיך צעקוילערט און פארלאָשן מיט אַמאָל,
און פארלאָשן ס׳לעצטע מאָל — —

און דאָרט ווו עס האָבן מיט זעקס שעה צוריק, מיט זעקס
שעה צוריק,
געטורעמט נאָך שטעט אין די הימלען,
געטורעמט נאָך שטעט:
לאָנדאָן,
מאָסקווע,
טאָקיאָ,
ניו־יאָרק!
האָבן אלע זייגערס פארקלונגען,
האָבן אלע זייגערס פארשטומט.

סעפּטעמבער 29, נײַנצן זעכציק אײנס
איז עמעץ מתפּלל אין „מעגעזין טײַמס",
אויף אַ זײַט אַ באַצאָלטער, אין „מעגעזין טײַמס":
„טאַטע אין הימל,
ראַטעווע אונדז פֿון זיך אַלײן,
מיר האָבן מורא —
מפּחד לילה, מחץ יעוף יומם
מדבר באפל יהלך, מקטב ישוד צהרים.
פֿאַרגיב אונדז און העלף — —"
פֿרעגלט די יו־עס זיך אין שמאַלץ פֿון אירע קירכעס,
וואָלקנקראַצערס־קאַטעדראַלן און קריסטלעכע מאָראַל,
עס קײַגט גאָט אין קײַגרײַך פֿון זאַטקײט ביז דערשטיקן
און עמעץ איז מתפּלל דאָרט אין „מעגעזין טײַמס".

און אין דער ברײַטער רוסלאַנד אונטער רויטן שנײ,
קלינגען טעמפּ די גלאָקן, קלינגען אויפֿדאָסנײ,
צען טויזנט צערקוועס פֿאַרגײען אין בריל,
עס בוקן זיך גלויביקע טיף ביזן דיל —
קניען און פּרעפּלען פּאַרטאַיעט און הײס,
ריח פֿון ווײַרוך, מאַכאָרקע און שווײס,
דער גלי פֿון לאַמפּאַדעס אין גאָלד פֿון איקאָן,

בויגן ווי זאַנגען זיך קעפּ אין פאַרגיין:
„באָזשע צאַרסטווא נעבעסנאַיאַ טוואָיאַ...״
אומזיסט!
אין מיטן נאַכט האָט זיך אַ טעלעפאָן צעקלונגען,
צום לעצטן מאָל אַ טעלעפאָן צעקלונגען,
אינעם רויטן קרעמלין, צי אין ווייסן הויז?...
לאָנדאָן
מאָסקווע
טאָקיאָ
ניו־יאָרק!

ירושלים תשכ״ט

אויסשעפטשען דיין נאָמען —
מיט אלע זיינע דינע, דממה־דקה־אותיות,
מיט אלע זיינע אויסגעבענקטע, נאָגנדיקע קלאַנגען,
מיט אַלע זיינע אויסגעלייטערט־ליכטיקע געזאַנגען
און אויסגיין אין בלחש פון אַ יעדן זילב.

זיך צוהערן —
ווי עס קלאַפּט דאָס האַרץ די שווייגנס אויס פּאַרטייעט
און עס ענטפערן די עכאָס אָפּ פון היילן טיף אין בלוט,
ווי עס ברומען ממעמקים אויף דעם זיידעס הייסע תפילות
און עס בריט זיין טרער מיין אויג מיט דורותדיקער גלות.

אויפרייסן די אויגן —
צו דער אנטפּלעקונג, פּלוצעם, וואָס איז דיין רוים
צעבלויטער,
וואָס איז דאָס ליכט, דאָס ליד —
די מויערן צעטורעמט אויף בערג דיינע צעפעלדזטע,
די מלכותדיקע קרוין און די געפּאַנצערטע שילד.

אויסטאָן זיך די שיך —
און ניט וואַגן, ניט וואַגן צופאַלן מיט ליפּן
פארשרפ׳עט צו דער ערד,
און ניט וואַגן איינגראָבן דעם הייס־צעגליטן שטערן
אין קילן, טרייסטנדיקן רוקן פון אַ פעלדז.

דאָ בלייבן שטיין —
דאָ איז די ערד צו אימהדיק, צו אויסגעלייטערט, הייליק,
דאָ איז דער שטויב פאַרברענט פון זון, פון טרערן און פון בלוט,
דאָ גייען אויף אויף מויערן די לעכצונגען אָן נאָמען
די ווייען טויזנט־יאָריקע, דער גרויל, דער קוואַלנדיקער מוט.

דאָ איז די שטאָט —
ניט חלום. וואָר. מיין גאָט, אזא באשיידונג
פון „אויב איך וועל פאַרגעסן דיך"... פון בענקשאַפט אָן אַ ברעג!
דאָ קניען הערצער שטום, געפּענטעט אינעם וווּנדער,
דאָ בין איך אין דיין שטויב, אַ שטויבל דיינס ביים שטעג.

אינהאַלט

פּייסאַזשן

דאָס ליד וואָס האָט פאַרשפּעטיקט (1954) 7
אַפריקע (1955) 14
דער טויט פון שוואַרצן בופלאָקס (1953) 23
התגלות (1958-9) 30

פון אַש

פון אַש (1954) 42
געדענקטאָג (1955) 49
הבדלה (1956) 51
וואָרט (1962) 56

אין ליכט פון אָוונט

אָוונט (1954) 62
אָנקום (1953) 63
גרוי ווי אַ וואָלף (1956) 65
* * * (1962) 67
דו האָסט מיר היינט געבראַכט (1969) 69
* * * (1958) 71
באַגין (1957) 73
באַשייד (1958) 75
ניט דער טאָג (1958) 78
צוריקקער (1958) 80

תנ״ך-מאַטיוון

שרייבט דוד צו בת־שבען (1954) 83
איוב (1951) 86
אלישע (1967) 89
חורב (1968) 90
עכאָס (1968) 93

אַקעגן

אָפּשייד (1969) 98
אויפן ראָג (1962) 103
אייזערנע טרעפּ (1954) 106
רוף (1953) 109
אררט (1961) 111
ירושלים תשכ״ט (1969) 116

פון זעלבן מחבר:

„אָפּריס" — לידער — פאַרלאַג „קאַיאַר"
יאָהאַנעסבורג 1949.

„אין טאָג וואָס פאַרגייט" — לידער — פאַרלאַג „קאַיאַר"
יאָהאַנעסבורג 1952.